בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג אַ מֵיידְל גֵיין מִיט הוֹיזְן בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְּבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן. מֶעג מֶען זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה וֶוען מְ'לִיגְט? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז אַ מֵיידְל זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט הוֹיזְן אֲפִילוּ בַּיינַאכְט, אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מְ'גֵייט גֶעהֶערִיג מִיט אַ נַאכְט קְלֵייד, אוֹיבּ מְ'מֶעג אָנְטוּן אַ הוֹיזְן אוּנְטֶער דֶעם, פָּשׁוּט צוּ בְּלַייבְּן פַארְדֶעקְט אוֹיבּ מְ'דֶעקְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ד אִיָר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִטָּה קֶען מֶען לֵיינֶען לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן** (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ו.) **אַז רֶבִּי זְעִירָא אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ, הָאט זִיךְ רֶבִּי זְעִירָא בַּאהַאלְטְן אִין זַיין שְׁלָאף צִימֶער צוּ זֶען וִוי אַזוֹי רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָּה, הָאט עֶר גֶעזֶען: ״וַהֲוָה קָרֵי וְחָזַר וְקָרֵי עַד דְּהוּא שָׁקַע מִינֵיהּ גּוֹ שִׁינְתֵיהּ״, וִוי רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנוּ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. פוּן דִי מַעֲשֶׂה פַּסְקְ׳נְט מֶען** (עַיֵין מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִים סִימָן רלט, סְעִיף ה) **אַז מֶען קֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָּה וֶוען מֶען לִיגְט.**

הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל אִיז נִישְׁט קֵיין צְנִיעוּת אֲפִילוּ נָאר בִּשְׁעַת'ן שְׁלָאפְן; מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע צוּ שְׁלָאפְן צוּגֶעדֶעקְט אוּן אוֹיבּ מֶען דֶעקְט זִיךְ אוֹיף.. זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים כז:): "אוֹנֶס רַחֲמָנָא פָּטְרֵיהּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## אִיךְ פָּאר קֵיין אוּמַאן, וָואס דַארְף אִיךְ דָארְט אִינְזִין הָאבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי אִי"ה פָארְן יֶעצְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל קֵיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָואס דַארְף אִיךְ אִינְזִין הָאבְּן וֶוען אִיךְ גֵיי אַהִין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ פָארְסְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי (דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית."

גְלַייךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן קֵיין אוּמַאן, הַדָבָר הָרִאשׁוֹן - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא)". אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן ווִי תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן."
~~~~~~~~~~

גְלַייךְ נָאכ'ן זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה לוֹיף אַרוֹיף צוּם צִיוּן אוּן גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. וֶוויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן דָא צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי וֶועט עֶר מְתַקֵן זַיין; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ זָאג דִיר צוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין בְּלָאטֶע", אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט בַּיים צִיוּן, דֶערְצֵייל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ בְּלַאט אִין דַיין לֶעבְּן.

הָאבּ מִיר אוֹיךְ אִינְזִין, בֶּעט פַאר מִיר: "יוֹאֵל בֶּן רֵיצֶא רֶעכִיל", אִיךְ זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## ס'אִיז מַמָשׁ אַ גֵיהִנוֹם בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן אִיךְ לֶעבּ אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָב. מַיין טַאטֶע קְרִיגְט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט מַיין מַאמֶע, עֶר וַוארְפְט זַאכְן אוֹיף אִיר, עֶר זָאגְט אִיר מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער אוּן פַארְשֶׁעמְט אִיר, עֶר זוּכְט מַמָשׁ מִיט לֶעבְּט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אִיר מֶער אוּן מֶער וֵויי טוּן. מַיין מַאמֶע וֵויינְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס אִיז אִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן, אַזוֹי וַוייט אַז זִי מַאכְט סְגוּלוֹת פַאר פֶּערְצִיג טֶעג אַז זִי זָאל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן רַחְמָנָא לִיצְלָן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז נִישְׁטָא קַיין לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעטוּן, אוּן אַלֶעס פַאלְט נָאר אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצֶעס. אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער פוּן זִיבֶּעצְן יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעדַארְפְט אַלֵיין פֶּסַח'דִיג מַאכְן פַאר פֶּסַח, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז דִי הוֹיז אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט פֶּסַח'דִיג, אָבֶּער ווִיפִיל קֶען אִיךְ דֶען טוּן אַלֵיין?

אִיךְ דַארְף לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער מַיין טַאטֶע רֶעדְט צוּ מִיר ווִי אַ נַאצִי, מִיט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שִׂנְאָה, מִיט וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֶעכְן מִיר אִין דִי נְשָׁמָה אַריין.
~~~~~~~~~~~

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז ס'אִיז מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט, אָבֶּער דַאן הֶער אִיךְ אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס גֶעבְּט מִיר צוּרִיק אַבִּיסְל לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט עֵצוֹת פַאר אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן ווִי מַיין טַאטֶע וִוי אַזוֹי זֵיי זָאלְן קֶענֶען זִיךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן ווִי מַיין טַאטֶע.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ סְ'אִיז אַ רִיכְטִיגֶע זַאךְ זִיךְ אַלֵיין צוּ גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער אוּן קַאמְפְּלִימֶענְטְס, ווִי לְמָשָׁל אַז אִיךְ בִּין שֵׁיין אָון אַז אִיךְ קֶען גוּט קָאכְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה צֶעטְל אוֹיף אַ חָתָן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע קְלֵיינֶע דֶעטַאלְן וָואסֶערֶע סָארְט חָתָן אִיךְ ווִיל הָאבְּן, אֵיינֶער הָאט מִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, נָאר מְ'דַארְף בֶּעטְן, "בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר וָואס סְ'אִיז גוּט פַאר מִיר", ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

נָאךְ אֵיין שְׁאֵלָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן וֶוען אִיךְ דַאוֶון, זָאל אִיךְ דַאוֶוענֶען בְּלוֹיז מִיטְ'ן זָאגְן דִי ווֶערְטֶער אָן טְרַאכְטְן? אָדֶער אִיז דָאס גָארְנִישְׁט ווֶערְד?

בִּיטֶע זַייט מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, אוֹיךְ אִין אוּמַאן, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָּיר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. הֶעלְף וַוייטֶער אִין שְׁטוּבּ מִיט וָואס מֶען דַארְף, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין לֶעבְּן. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין אוּן בְּרֶענְגֶען נַחַת.**

**אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דֶעם רֶעבִּינְ'ס וֶועג אִיז נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף שְׁטַארְבְּן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַנְשְׁטָאט מַאכְן תְּפִילוֹת אוּן סְגוּלוֹת מֶען זָאל שׁוֹין שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם דַארְף מֶען מַאכְן תְּפִילוֹת אַז אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן. טוּ וָואס בְּרוּרְיָה - דִי וַוייבּ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס - הָאט גֶעטוּן וֶוען מֶען הָאט אִיר גֶעפַּיינִיגְט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת י.) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעפַּיינִיגְט, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פוּן זֵיי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי**

זָאלְן שְׁטַארְבְּן, הָאט אִים זַיין וַוייבּ - בְּרוּרְיָה - גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַאוְונְסְטוּ זֵיי זָאלְן שְׁטַארְבְּן, עֶנְדֶערְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן!" דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין וַוייבְּ'ס וֶוערְטֶער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

בְּנוֹגֵעַ אַז קֵיינֶער גֶעבְּט דִיר נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער וְכוּ'; גֶעבּ אַ קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, 'יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה' בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ", אַז אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם וָואס זָאל אִים זָאגְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, "הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל", וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, "וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזוּק וֶוערְטֶער.

טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן; אַז דָאס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן - וֶוען דוּ זָאגְסְט זִיךְ אַלֵיינְס גוּטֶע וֶוערְטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן. טוּ אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל", מֶען זָאל זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, "וַאֲפִילּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", אֲפִילוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן בֶּעט אוֹיף אַלֶע אֵיינְצֶעלְהַייטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת טוֹבוֹת, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער מַאן מִיט גוּטֶע מִידוֹת אוּן פַאר קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן. דָאס דַארְף זַיין דֶער עִיקָר תְּפִילוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט.

מִיט תְּפִילָּה וֶועסְטוּ אַלְצְדִינְג פּוֹעֵלְ'ן; קוּק נִישְׁט אוֹיף דָאס וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע זָאגְט דִיר אַז דַיין דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט אִינְזִין, דוּ דַאוֶוען וַוייטֶער

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ חַבֶרְטֶ'ע, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען אִין דִי "שְׁטֵיינְזַאלְץ" גְמָרוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם קוּנְטְרֵס "בֵּית נִצְחִי", וָואס מְ'דְרוּקְט יֶעדֶע וָואךְ דִי לִימוּדִים פוּן דִי וָואךְ אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, אוּן תּוֹסֶפְתָּא. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט פַארְוָואס מְ'לֵייגְט דָארְט אַרֵיין דִי גְמָרָא פוּן "שְׁטֵיינְזַאלְץ", וָואס אִיז גֶע'אַסֶר'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וַוייל מְ'הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְט מִינוּת וְכַדוֹמֶה, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט נוּצְן גְמָרָא פוּן אַנְדֶערֶע כְּשֵׁרֶ'ע דְרוּקֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען אִין גְמָרוֹת פוּן שְׁטֵיינְזַאלְץ; פַארְקֶערְט, עֶר אִיז זֵייעֶר גוּט מַסְבִּיר דִי גְמָרָא. עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן לֶערְנֶען אִין דִי גְמָרוֹת וַוייל זֵיי ווִילְן גֶעדֶענְקֶען דִי צוּרַת הַדַף וְכוּ' אוּן אִין דִי גְמָרוֹת אִיז אַנְדֶערְשׁ דִי צוּרַת הַדַף וָואס צוּלִיבּ דֶעם אִיז שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ מַאֲמַר חַזַ"ל. אָבֶּער יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעטוֹישְׁט אוּן זֵיי גֶעבְּן שׁוֹין אַרוֹיס דִי גְמָרוֹת מִיטְן צוּרַת הַדַף.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוָואשְׁן פוּן אַלֶעס שְׁלֶעכְטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.
~~~~~~~~~~

וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְש וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִּילְט אָן זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט דִי קְמֵיעַ פוּן מוֹהַרְא"ש?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוָואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, מַיין מַאן אִיז זִיךְ מַמָשׁ מְחַיֶה מִיט דֶעם, אוּן עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיים עֶנְדִיגְן גַאנְץ נַ"ךְ אוּן נָאךְ זַאכְן.

אִין דִי לֶעצְטֶע וָואךְ צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ מָאל קָאפּ וֵויי בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, דָאס הָאט מִיר אַבִּיסְל דֶערשְׁרָאקְן, אוּן אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַן עֵצָה וָואס אִיךְ קֶען טוּן דֶערְצוּ.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶועגְן דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהַרְא"ש זִ"עַ, אוֹיבּ מְ'מֶעג עֶס אָנְטוּן אַלְס אַ קֵייטְל אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער, וואוּ סְ'קֶען אָנְרִירְן נִישְׁט רֵיינֶע פְלֶעצֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מְ'מֶעג עֶס אַרַיינְטְרָאגְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שֶׁעצְט אֵייעֶר מַאן מִיט זַיין לֶערְנֶען. עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס קֶען אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַזוֹי ווִי אַ גוּטֶע פְרוֹי. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אָבֶּער ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", נָאכְדֶעם הָאט דֶער חָסִיד חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", ווִידֶער דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִיק, "הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ פוּן אַ פְרוֹי.
~~~~~~~~~~~

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן אֵייעֶר קָאפּ וֶויי; גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן אוּן זַייטְס וַוייטֶער מְחַזֵק אֵייעֶר מַאן, וֶועט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז מֶען קֶען גֵיין מִיט דִי קַמֵיעַ וואוּ אִימֶער - אֲפִילוּ אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוּן אִין נִישְׁט רֵיינֶע פְּלֶעצֶער. אַז אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי קַמֵיעַ וֶועט אִיר זֶען אַז דִי קַמֵיעַ אִיז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהַרָא"ש; מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז אַלֶע שֵׁדִים, קְלִיפּוֹת אוּן מַזִיקִים הָאבְּן מוֹרָא פוּן זַיין נָאמֶען, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן זַיין נָאמֶען אַנְטְלוֹיפְן זֵיי פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, אוּן בְּרִיוו. מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ לֶערְן ב"ה רוֹב טָאג, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעווַאקְסְן אִין לִיטְווִישֶׁע יְשִׁיבוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין ב"ה מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִין אֵייעֶר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען שׁוֹין צוּ עֶנְדִיגְן צְווֵיי מָאל מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בָּ"ה אַ גוּטְן קָאפּ, אִיךְ קֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיז דִי שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל טַאקֶע נָאר זָאגְן, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען דַארְף יָא לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר פְּלֶעגְט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט. אָדֶער אֶפְשָׁר דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת מִיט זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, אוּן עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וָואס מ'עֶנְדִיגְט דִי שִׁיעוּרִים, קֶען מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן, אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר אַסַאךְ עוֹסֵק אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, כִּמְעַט רוֹב טָאג לֶערְן אִיךְ נָאר דָאס. אִיז דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג, אָדֶער דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען רוֹב טָאג גְמָרָא וְכַדוֹמֶה, אוּן נָאר אַבִּיסְל צַייט אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים? אָדֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל אִין דֶעם, נָאר יֶעדֶער דַארְף טוּן לוֹיט וָואס עֶס צִיעֶט אִים?
~~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה, דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ מְסַיֵּם זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן אַפָּאר מַסֶכְתּוֹת אִין שַׁ"ס אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט פַארְשְׁטֵייט דָאס דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "וְדַע שֶׁלֶּעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶּׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח", אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, "גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ", אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, "לֶעָתִיד - בָּעוֹלָם הַבָּא - יָבִינוּ", וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת", וַוייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, "שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט; "אַשְׁרֵי הַמְבַלֶּה יָמָיו בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה", ווארויל אִיז פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט תּוֹרָה אוּן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

חוּץ פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד בְּגִירְסָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בְּקְצָת עִיּוּן", מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין עִיּוּן יֶעדְן טָאג; אָבֶּער רוֹב צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ גְמָרָא אוּן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

דוּ פְרֶעגְסְט אִין דַיין בְּרִיוו: וִוי קֶען מֶען זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין, מֶען זֶעט דָאךְ פוּן רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח): "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶּער

עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶעוַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעוַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנָיוֹת; זֶעט מֶען אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין?

דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין קַשְׁיָא, ווַייל אַוַדַאי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוַויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אַז מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין - אַז דָאס זָאל מוֹנֵעַ זַיין פוּן לֶערְנֶען.

אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'ע אוֹיג זֶעט מֶען אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין, אוּן מֶען הָאט יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דָאס שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער, ווַייל דָאס אִיז אַ דֶרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן יֶעדֶע צַייט. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען מוֹנֵעַ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאפּ, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט. נָאר ווּאוּ מֶען אִיז, אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, נֶעמְט מֶען דֶעם מִשְׁנָיוֹת אוּן מֶען זָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מֶען נֶעמְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן מֶען זָאגְט אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּם זַיין כַּמָּה פְּעָמִים כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה אוּן דָאס פַארְשְׁטֵיין.

אַז דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּלָאזְן. מוֹהַרְנַ"ת הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט בְּמֶשֶׁךְ אַ שְׁטִיק צַייט גֶעלֶערְנְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְלַייסִיג דֶעם סֵפֶר לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר פְלֶעגְט דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר - דְרַייסִיג חֳדָשִׁים בִּרְצִיפוּת. רֶבִּי נָתָנְ'ס הִתְחַזְּקוּת אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בְּלוּט אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַבֵּר זַיין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים, פוּפְצְן הוּנְדֶערְט בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט קוּנְטְרֵסִים הָאט מוֹהַרְנַ"ת גֶעשְׁרִיבְן, וָואס אִיז הִתְחַזְּקוּת - אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת - פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַלֶע מַצָּבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט מִיר דָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִשְׁט פַארְוָואס מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעשִׁיקְט דִי אִידְן קַיין מִצְרַיִם, עֶר וָואלְט דָאךְ נִשְׁט גֶעדַארְפְט שִׁיקְן דִי אִידְן אַהִין, אוּן אַזוֹי וָואלְט עֶר זֵיי נִשְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְנֶעמֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז מְ'קֶען נִשְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶועגְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער בְּעִיקָר שְׁטֶערְט מִיר מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, דִי צָרוֹת אִין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן מַיינֶע צָרוֹת, וֶוען עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף מִיר דִי צָרוֹת?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ט אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִשְׁט אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י.): "בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְּרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ?" מִיר קֶענֶען נִשְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, מִיר דַארְפְן אִים דִינֶען גֶעטְרֵיי אֲפִילוּ מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט.

וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת דַארְפְן מִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעוֶוען. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי צָרוֹת דַארף מֶען אִים דַאנְקֶען פַאר דֶעם אַזוֹי ווִי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שִׁירָה אוֹיף דִי אַלֶע נִיסִים. אַזוֹי דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

בְּנוֹגֵעַ דִי צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִשְׁט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס אוֹיף'ן מֶענְטְשׁ אוּמְזִיסְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:) אַז רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶּעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "לְעַיֵּין מַר בְּמִילֵּיהּ", עֶר

זָאל זִיךְ נָאכְקוּקְן זַיינֶע מַעֲשִׂים אוֹיבּ עֶר הָאט אֵיינֶעם שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אוּן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאס נִישְׁט אוּמְזִיסְט. אוּן דִי גְמָרָא פִּירְט אוֹיס אַז מֶען הָאט אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ אוּן עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דֶערוֹיף אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיק רַייךְ גֶעוָוארְן.

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אִיז דָאס נָאר דִיר צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו", אַז מֶען זֶעט זִיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים דֶערְצֶערְנְט אוּן זִיךְ אִיבֶּער גֶעבְּן צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן אוּנְז (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי, פֶּרֶק מז): "אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁנָּגְעוּ בּוֹ יִסּוּרִין, וְכָבַשׁ רַחֲמָיו וְלֹא קָרָא תִּגָּר", ווארִיל אִיז פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֶוערְט גֶעפַּיינִיגְט מִיט יְסוּרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז פַאר זַיין גוּטְ'ס, אִים אוֹיפְצוּהֵייבְּן הֶעכֶער אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרָט אִין דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ פָּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ פַאר אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט. דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דִי נַארִישֶׁע קַשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דִי אֱמוּנָה וֶועט בַּיי דִיר וֶוערְן אַזוֹי קְלָאר אוּן דוּ וֶועסְט צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא שֵׂכֶל צוּ וִויסְן אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, "כִּי תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רפג)"; דָאס אִיז דֶער עִיקָּר צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּ קוּמֶען - צוּ וִויסְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט.

אָבֶּער צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט צוּ קוּמֶען נָאר אַז מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק אֱמֶת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח', אוֹת ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶתֶ'ער צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "עַל כֵּן כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר פוּן אַ צַדִּיק טְרֶעפְט מֶען דָארְט דֶעם פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד פוּנֶעם צַדִּיק; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף דִיר דִי לִיכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן זוּכְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בָּאמְבֶּע שִׁידוּךְ, אָבֶּער אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַיין צֶענְטֶע זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן סְ'אִיז מִיר שְׁוַוארְץ אוּן בִּיטֶער פַאר דִי אוֹיגְן.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן מִיר נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן? זֵיי זוּכְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁידוּךְ אַז יֶעדֶער אִין שׁוּל זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶער מַצָּב דֶערְפוּן, אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף בִּכְלָל נִישְׁט דִי גַאנְצֶע פְּרַאפֶּעגַאנְדֶע, אוּן דַארְף אַ פְּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ, אֵיינֶע וָואס אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט מִיר. אוּן סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס מַסְבִּיר צוּ זַיין פַאר זֵיי.

סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מְ'הַאלְט שׁוֹין בַּיים צֶענְטְן זְמַן אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען אִיךְ בַּייקוּמֶען דִי נִסְיוֹנוֹת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אוֹיף הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, כְ'הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן זֵיי, אוּן סְ'גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק אִין לֶעבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לְפַ"ק

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין גֶעשְׁרֵיי הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן.
~~~~~~~~~~

דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזָא צַעַר וִוי דֶער צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער. אַ בָּחוּר אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ, און כָּל זְמַן מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען אַ פְּלַג גוּף אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְלָא אִשְׁתְּכַח דְכַר וְנוּקְבָא, אִקְרֵי פְּלַג גוּפָא", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז הַאלְבּ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתָר שְׁלִים", עֶס פֶעלְט דִי בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה.

קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער; זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת און זַיינֶע יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט. פוּן אֵיין זַייט ווִיל עֶר זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג, עֶר ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הַאלְט עֶר אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִא זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים גָאר בִּיטֶער; זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אִים חָרוּב, וּבְעִיקָר אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְוֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן זַיין הַארְץ, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט מְיָאוּשׁ און פַארְדְרֵייט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט סַבְלָנוּת; הָאבּ גֶעדוּלְד און וַוארְט אוֹיס בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען. אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ מִיט שִׁידוּכִים, זֵיי וַוארְטְן און וַוארְטְן וְכוּ' וְכוּ' - דָאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען און נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז 'דַיין שִׁידוּךְ הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה און נְבִיאִים און אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", און אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט און וַוארְט אוֹיס אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ וָואס וֶועט קוּמֶען גָאר שְׁנֶעל. בִּיז דֶערְוַוייל, בִּיז דַיין שִׁידוּךְ וֶועט קוּמֶען זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעט אִים פַאר אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, עֶר שְׁמוּעֶסְט אוֹיס פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ וְוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע זִינְד.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵין סֵפֶר אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ד): "וְיֵשׁ מַלְאָךְ נוֹרָא עֶזְרִיאֵ"ל שְׁמוֹ", עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ אִין הִימְל וָואס זַיין נָאמֶען אִיז עזריא"ל, "שֶׁהוּא מְמוּנֶה עֲלֵיהֶם", עֶר אִיז מְמוּנֶה אַרוֹיף צוּ טְרָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן בָּחוּרִים וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, "וּבוֹנֶה מְשִׂיחָתָם וּתְפִלָּתָם הֵיכָלוֹת חֲדָשׁוֹת וְנִשְׁפַּע עֲלֵיהֶם אוֹר וָדַעַת וְשֶׁפַע וְחַיּוּת", עֶר נֶעמְט דִי תְּפִילוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בּוֹיט דֶערְמִיט אִין הִימְל הֶערְלִיכֶע פַּאלַאצְן, אוּן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת אַ פְּרִישֶׁע חַיוֹת אוּן אַ פְּרִישֶׁע מוּט.

כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנִיאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַּאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פַארְוָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, אִין דִי צַייט וָואס אִין אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ. אוּן אֲפִילוּ אִין יְרוּשָׁלַיִם, וואוּ אַסַאךְ גֵייעֶן יָא וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, אִיז עֶס נָאר גֶעשְׁטְרֵייפְט, נִישְׁט אִינְגַאנְצְן וַוייס.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.
~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ג אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ד): ״צָרִיךְ שֶׁיִּלְבּוֹשׁ בְּכָל שַׁבָּת בְּגָדִים לְבָנִים״, מֶען זָאל גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זָאגְט דָארְט: ״וְקִבַּלְתִּי מִמּוֹרִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁכְּפִי הַגִּוּוּן הַמַּלְבּוּשִׁין שֶׁאָדָם לוֹבֵשׁ בְּשַׁבָּת בָּעוֹלָם הַזֶּה, כַּךְ מַלְבִּישִׁין אוֹתוֹ אַחַר פְּטִירָתוֹ בִּימֵי הַשַּׁבָּת תָּמִיד״, וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי טוּט מֶען אָן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל נָאךְ זַיין פְּטִירָה אִין דִי שַׁבָּת טֶעג, אוּן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט: ״לָכֵן רָאָה לְחָכָם אֶחָד לָבוּשׁ שְׁחוֹרִים אַחַר פְּטִירָתוֹ בִּימֵי הַשַּׁבָּת, וְהִגִּיד כִּי כַּךְ הָיָה לָבוּשׁ בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהוּא נֶעֱנַשׁ בְּמִדָּה זוֹ״, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַ חָכָם אוֹיבְן אִין הִימְל אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וַוייל עֶר פְלֶעגְט גֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ שַׁבָּת דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ, דֶערִיבֶּער זָאל מֶען גֵיין מִיט פִיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער, ״וְאַרְבָּעָה בִּגְדֵי לָבָן אֵלּוּ, נֶגֶד אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת הֲוָיָ״ה״, אוּן דִי פִיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען אַנְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶ שְׁטָאט יַבְנְאֵל הָאט עֶר אַיינְגֶעפִירְט אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן דָארְט אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ״ל. הֱיוֹת דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶעמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא פוּן וֶוען זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מִיר גֵייעֶן נִישְׁט מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, וַוייל מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס אַלֶע גֵייעֶן שְׁוַוארְץ, וֶועט זִיךְ עֶס אָנְזֶען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אַלֶע וֶועלְן לַאכְן וְכוּ׳.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ אַלֶע וָואלְטְן גֶעגַאנְגֶען שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, בִּפְרָט דִי וָואס וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְאוּלָה״. דֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק פוּן דְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַרוּם פָארְן אִין אַלֶע שְׁטֶעט רֶעדְן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צוּ גֵיין שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער, בִּיז דֶער ס״מ אַלֵיינְס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען צוּ זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ׳, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן פוּן דֶעם.

דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרַא״ש זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַלֶע וָואס וואוֹינֶען אִין יַבְנִיאֵל און גֶעהֶערְן צוּ דִי קְהִלָּה זָאלְן גֵיין מִיט וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס אוּם שַׁבָּת און יוֹם טוֹב, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זוֹהַר חָדָשׁ נח, דף כג): ״דְּאִי יַחְזְרוּן בִּתְשׁוּבָה רֵישֵׁי כְּנִישְׁתָּא, אוֹ חֲדָא כְּנִישְׁתָּא, בִּזְכוּתָם יִתְכְּנֵשׁ כָּל גָּלוּתָא״; אֲפִילוּ נָאר אֵיין קְהִלָּה אָדֶער אֵיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה; אַזוֹי אוֹיךְ מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער - הָאט מוֹהֲרַא״ש גֶעזָאגְט, אַז מֶען וֶועט גֵיין אִין יַבְנְאֵל מִיט דֶעם וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ וִויל מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער אִיךְ פַאל פוּן דִי כּוֹחוֹת.**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ חַסִידִישֶׁע אִידִישֶׁע מַאמֶע, און אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה מִיט דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק, סְ'הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר אַריינְלֵייגְן אִין מַיינֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, צְנִיעוּת, און אֱמוּנָה. הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעקֶענְט אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בְּרֶסְלְבֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶער דֶערְוַוייל אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, פְּרוּבִּיר אִיךְ כָאטְשׁ אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זֵיי וִויפִיל אִיךְ קֶען, פוּן וָואס אִיךְ הֶער און אִיךְ לֶערְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אַסַאךְ מָאל פַאל אִיךְ מַמָשׁ פוּן דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר טְרוּקְן און שְׁוַואךְ, און אַסַאךְ מָאל בִּין אִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אַז אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אִיךְ קֶען יָא עֶפֶּעס בֶּעטְן, בֶּעט אִיךְ נָאר אוֹיף כֹּחַ און גֶעדוּלְד. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַן עֵצָה און הַדְרָכָה פַאר מִיר? אֶפְשָׁר עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אָדֶער קוּנְטְרֵס וָואס אִיךְ קֶען לֵיינֶען און דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ג אִיָיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט. דִי עִיקָר חִינוּךְ בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן; אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען
~~~~~~~~~~~

מְחַנֵּךְ דִּי קִינְדֶער מִיט וַוארֶעמְקֵייט אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועלְן דִּי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען אַרַיין צוּ לֵייגְן דִּי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב; 'אִיר' זָאלְט זַיין זֵייעֶר 'בְּרֶסְלֶב'עֶ מוֹסָד', אִיר זָאלְט זֵיי גֶעבְּן וָואס דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֵדֶר אוּן סְקוּל גֶעבְּט פַאר דִי קִינְדֶער, אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן ווִיסְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן אוּן דָאס אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר זֵיי אוֹיף אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט אוֹיף אַ וֶועג וָואס דִי קִינְדֶער זָאלְן מֵיינֶען אַז צְנִיעוּת אִיז אַ קְנַס אָדֶער אַ שְׁטְרָאף, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוּכְן וואוּ זֵיי קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ אָנְטוּן נִישְׁט אֵיידְל חַס וְשָׁלוֹם.

אִיר בֶּעט אַן עֵצָה אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט; דִי עֵצָה אִיז אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִסִּים אוּן חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט עֶר מֶער כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן, ווִי מֶער מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט בַּאקוּמְט מֶען הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן מֶען קֶען אָנְצִיעֶן זֵייעֶר אַסַאךְ. פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אֲפִילוּ אִיר וֶועט שְׁפִּירְן ווִי אִיר פַאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת אוּן אִיר קֶענְט נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוּן זָאגְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ! יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר מַיין מַאן, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס״**, אִיר וֶועט אִים לוֹיבְּן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אַייךְ, וֶועט אִיר שְׁפִּירְן ווִי אִיר בַּאקוּמְט נַייעֶ כּוֹחוֹת.

פְּרָאבִּירְט אוֹיס דֶעם רֶבִּי'נְ'ס וֶועג; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט גוּטְס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): ״'בַּצָּר' - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דִי צָרוֹת, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה 'הִרְחַבְתָּ לִי' - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט״; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן ווִי מֶער אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן

וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְצְן אוּן עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְגַדֵּל זַיין אֵייעֶרֶע קִינְדֶער בְּנָקֵל וּבְנַחַת אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

...

~~~~~~~~~~~~

## דַארְף אִיךְ מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

עֶס וֶוערְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מְנִיעוֹת אוֹיף דֶעם.

בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי מַיין קְהִלָּה אִיז דָאס זֵייעֶר אַן אָפְּגֶעפְרֶעגְטֶע זַאךְ, מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זַיין בְּרוֹגֶז אוּן מַיין יְשִׁיבָה וֶועט מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן. אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין שִׁידוּכִים, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס אַז אוּמַאן וֶועט מִיר נָאר צוּהֶעלְפְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַז מְ'וֶועט מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן אָפְּגֶעפְרֶעגְט בַּיי מַיין קְהִלָּה, הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז דָאס וֶועט מִיר שַׁאטְן. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ פָּארְן.

בְּקִיצוּר אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ דַארְף מַמָּשׁ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט אוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ? אָדֶער זָאל אִיךְ וַוארְטְן אוֹיף נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶס הָאפְּנְטְלִיךְ זַיין אַבִּיסְל גְרִינְגֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ קֶען דִיר אָבֶּער מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַאכְן דִי רִיכְטִיגֶע הַחְלָטָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגן): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר
~~~~~~~~~~~~

שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְּקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", און אִיךְ וואונְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען עֶס וַוארְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גֵיין צוּ דִי גְרֶעסְטֶע לוֹיֶערְס (עוֹרֵךְ דִּין) זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אִים, זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן אִים מַצְדִּיק זַיין. מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט און קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיֶער; אִין אַזַא מַצָּב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חֲבֵרִים, אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף מִשְׁפָּחָה, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ. מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פַארְלִירְן? עֶס וַוארְט דָאךְ אוֹיף מִיר אַזַא שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט וְכוּ' וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס וַוארְט אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְּלָן, דֶעמָאלְט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, עֶס וַוארְט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט; רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס מֶען הֶערְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער און פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן ה' יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, מִיט נָאךְ פִילֶע צָרוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן; און אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵּן זַיין; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט - וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ

לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אַז אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען עֶר זֵיי אָבֶּער הֶעלְפְן אוּן פַארְרֶעכְטְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, - אִיז נָאךְ דָא אַ סָפֵק יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן?

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח, קנח) אַז וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן עֶר זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי מְרַגְּלִים אוּן אִים נִישְׁט, "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ", הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעכַאפְּט פוּן דִי מְרַגְּלִים, "וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַּאֲבָהָן, וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין עֶר זָאל נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי עֲצַת מְרַגְּלִים צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא: "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֵיינֶער אַלֵיין, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָארְטְן גֶעוֶועזְן דִי בְּנֵי עֲנָק - דִי רִיזְן מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי?" נָאר עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ: "מַאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִּי", וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דַּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִּי", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, "וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מְעֵיטָא דָּא", עֶר אִיז גֶעלָאפְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי מְרַגְּלִים, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי בְּנֵי עֲנָק.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ מַצָּב וִוי עֶר פַאלְט אַרָאפּ אָיְן עֲבֵירוֹת עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, בִּפְרָט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי גְרָאבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען זִינְקְט אִין דִי נ׳ שַׁעֲרֵי טוּמְאָה אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וֶוען אַזַא מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה אוּן עֶר הֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים (קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ׳, ק"ה, קל"ז, ק"נ) אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: **"וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"**; אַזַא אֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אוֹיף זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## אִיז דָא אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַסַאךְ מָאל נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב אִיךְ קֶען דָאס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיב יָא ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דִי וֶועלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא) אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, "בִּפְרַט מַאן דְּאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם" - הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר - נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה".

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואו דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז ווִיפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן דִינִים.
~~~~~~~~~~~

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז פוּן יֶעדֶע פְּלַאץ קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת אוּן צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא דְוַיִּסַּע, פַּרְשָׁה א) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן, אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה: אֱמוֹר לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל, "דִּבְרֵי תּוֹרָה שֶׁנָּתַתִּי לָכֶם רְפוּאָה הֵם לָכֶם, חַיִּים הֵם לָכֶם", שֶׁנֶּאֱמַר: כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם, וְאוֹמֵר: רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**חִיזוּק פַאר אִידְן אֲפִילוּ מְ'וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואו סְ'קוּמְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָּבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מֶען הָאט מִיר גֶעוִויזְן דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס דוּ קְלֶעבְּסְט אַרוּם אִין אַלֶע שׁוּל'ן, פוּנֶעם הַאטְלַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב". אַז מֶען קֶען הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן חִיזוּק אִין אֱמוּנָה וְכוּ' אָן דֶעם וָואס עֶס זָאל שְׁטֵיין "בְּרֶסְלֶב".

וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין מִיט דַיין אַרְבֶּעט, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ מֶען דֶערְמַאנְט נִישְׁט פוּן וואו דִי הִתְחַזְקוּת קוּמְט. "וָואס הַארְט מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט מֶער כַּוָונָה אָן דֶעם וָואס עֶר וֶועט וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר?" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט.

זַיי מַמְשִׁיךְ בַּעֲבוֹדָתְךָ הַקְדוֹשָׁה לְקָרֵב נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

אִיךְ קֶען קוּים וַוארְטְן אוֹיף קֶעמְפ צוּ זַיין צוּזַאמֶען מִיט דִיר, זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?" גֶעבְּט מֶען אִים נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ד אִיָר, פֶּסַח שֵׁנִי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הַיינְט אִיז פֶּסַח שֵׁנִי; אַז מֶען טְרַאכְט אַריין וִוי אַזוֹי מֶען הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם פֶּסַח שֵׁנִי זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט דָאס בַּאקוּמֶען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז זֵיי ווילְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּם קָרְבָּן פֶּסַח. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת, הֲלָכָה ה, אוֹת טז) פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע לְבִלְתִּי הַקְרִב אֶת קָרְבַּן ה'? - פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן?!" דַאן הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ פֶּסַח שֵׁנִי, מֶען גֶעבְּט אִים נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה.

הַיינְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צֵייט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי צוּרִיק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: **"לָמָּה נִגָּרַע? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וויל זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וויל אַ רֵיינֶע מֹחַ. גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע הַארְץ, אִיךְ וויל נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת וְכוּ'"**, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פֶּסַח שֵׁנִי.

וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גְלַייךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרָט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סְפִירַת הָעוֹמֶר חֵלֶק ב', סִימָן ב): מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוֹיבּ מֶען אִיז אַ בַּעַל קֶרִי, אוּן גְלַייךְ אָנְטוּן טַלִית וּתְפִילִין.

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁטוּבּ. לָאז דַיין וַוייבּ אַבִּיסְל אָטֶעמֶען, לוֹיף אִיר נִישְׁט נָאךְ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה וְכוּ'; נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם בַּיִת - זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיפְן קָאפּ וְכוּ', גֵיי אַבִּיסְל אַרוֹיס אוּן לָאז אִיר הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר זִיךְ, וד"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אֵיין שִׁיעוּר, אֵיין דְרָשָׁה, אֵיין שְׁמוּעֶס קֶען טוֹישְׁן דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מִשְׁנָיוֹת צוּם זִיבֶּעצִיגְסְטְן מָאל! דוּ הָאסְט מִיר מְחַיֶה גֶעוֶוען. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דַיין הָאט דָאס מִיר מַמָשׁ מְחַיֶה גֶעוֶוען.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן. וֶוען דוּ רֶעדְסְט שַׁבָּת בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

נֶעם דִיר פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ זֶען וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִין קֶעמְפּ קַיִץ תשס"ט לִפְרָט קָטָן פַאר אַ שַׁבָּת, שֶׁלֹא בְּכַוָונָה צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן. הָאסְט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ זַיין שַׁבָּת וֶוען דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען מְנַהֵל אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת צוּ דַיין בְּרוּדֶער. אוּן פוּן אֵיין דְרָשָׁה הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אַ חַיִים נִצְחִיִים, אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, וִוי אֵיין שִׁיעוּר, אֵיין דְרָשָׁה, אֵיין שְׁמוּעֶס קֶען טוֹישְׁן דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וֶוער עֶס קוּמְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר; עֶס גֵייט מִיר מַמָשׁ בְּנַפְשִׁי אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**"גֶעדוּלְד", אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֵצָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ בְּנוֹגֵעַ וואוּ דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען וְכוּ'. גֶעדֶענְק דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַּחְבּוּלָה",
~~~~~~~~~~~

גֶעדוּלְד אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין עֵצָה; אַז דַיין וַוייבּ עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אוּן נֶעמְט דָאס מַמָשׁ צוּם הַארְצְן אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט מְוַתֵּר זַיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער ..., גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דִיר אַלֶעס אָנְהֵייבְּן גֵיין כְּסֵדֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב) דָאס וָואס עֶס גֵייט שֶׁלֹא כְּסֵדֶר פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל עֶר וִויל זַיין בַּעַל הַבַּיִת, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בֵּייגְט אַיין זַיין קָאפּ אוּן לֶעבְּט מִיט הַכְנָעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט וֶוערְט אַלֶעס כְּסֵדֶר.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען צוּ מְקַנֵא זַיין, אוֹיבּ מְקַנֵא זַיין אִיז נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וָואס לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**מִתְפַּלֵל זַיין צוּ הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער זוּמֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דִי גַאס.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל עֶר לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִילָה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן וְכוּ'"**, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וַוייל דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נָאר אַז מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַ טַייטְשׁ אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, כא): "אַיֵה הַקְדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט: "אַיֵה הַקְדֵשָׁה?" וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָׁה, צוּ זַיין הֵיילִיג? עֶנְטְפֶערְט מֶען אִים: "הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ" - אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת; אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, אַלֶעס גֵייט אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת אַ צְוֵוייטֶע מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מְסַדֵר זַיין דִי סְעוּדַת "לַ"ג בָּעוֹמֶר".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט צוּזַאם נֶעמֶען פְרוּיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי פְרֶעגְן וֶוער עֶס ווִיל נֶעמֶען אַ טֵייל אִינֶעם סְעוּדַת "לַ"ג בָּעוֹמֶר", וָואס וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען מִיטְוָואךְ נַאכְט אִין יְשִׁיבָה.

דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אַלֶע, בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאל נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף אַייךְ אַלֶע, אִיר זָאלְט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דִי חֲתוּנָה אִיז דָארְט - אִין מִירוֹן - אָבֶּער דֶער חָתָן אִיז דָא"; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם צַדִיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִיק.

אַ גְרִיס פוּן אֵייעֶר בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. מֶען דַארְף אִים נָאר אַבִּיסְל מְזָרֵז זַיין צוּ קוּמֶען צַייטְלֶעךְ יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועֶנֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְּבוֹד מַיין קָאזִין ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דַיין הוֹדָעָה אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְסַיֵּם זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין יֶעצְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס אוּן דוּ הַאלְסְט שׁוֹין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת פֶּרֶק ב.

דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גְעוֶועְן מִיט דַיין הוֹדָעָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דַיין בְּרוּדֶערְס הוֹדָעָה אַז עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער אַז אִיר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶע תְּפִילָּה פוּן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וּבְעִיקַּר וֶוען מֶען בֶּעט אִים מִיט אַן אֱמֶת. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צוּ אַלֶע וָואס רוּפְן אִים, אָבֶּער נָאךְ מֶער נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילּוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת"; 'אֱמֶת' אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוּן קֵיינֶער זֶעט אִים נִישְׁט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ - דָאס אִיז אֱמֶתֶ'ע תְּפִילָּה אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַאכְן נַחַת פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

יֶעדֶע מָאל דוּ מַאכְסְט אַ סִיּוּם זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין - וֶועסְטוּ מִיר מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**זֶע אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף דַיין וַוייבּ, מַמָּשׁ וִוי אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן אִיד בִּפְרָט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ.

בֶּעט אִיר אִיבֶּער אוּן הֶער אוֹיף טֶערֶערֶעזִירְן אִין שְׁטוּבּ - וֶועט דִיר גוּט זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט - קוּמְט דוּרְךְ זַיין וַוייבּ; אוֹיבּ מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן מֶען רֶעדְט אֵיידֶל אוּן שֵׁיין - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת. אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיט סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ גִיכֶער פּוֹעֵלְ'ן וִוי מִיט טַעֲנָה'רֵייעֶן.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַריין נֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן מַיין הַארְץ; אִיךְ וִויל הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

זַייטְס מִיר מוֹחֵל אוֹיבּ מַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צִי שַׁארְף; אִיךְ מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין אֵייעֶר מֵיינוּנְג אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט אֵייעֶר מֵיינוּנְג - בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאר גֶעזָאגְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער אִיז אַ רוֹצֵחַ; אַזוֹי בְּרֶענְגְט מוֹהַרָא"שׁ כַּמָה וְכַמָה פְּעָמִים אִין סֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב.

אִיר ווִילְט מְחַלֵק זַיין אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם אוּן מוֹהַרָא"שׁ רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענְץ; הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר זָאלְט עֶנְדֶערְשׁ פָּאלְגְן אַ צַדִיק ווִי אֵיידֶער אוֹיסְהֶערְן דִי נַארִישֶׁע פְּרוֹיעֶן, דִי מְדַבְּרִים ...ווִי דֶער רֶבִּי רוּפְט זֵיי - וָואס מַאכְן אַ לָאךְ אִין קָאפּ מִיט זֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת אוּן גֵייעֶן נָאךְ זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער פַאר'ן רֶעדְן אַזוֹי שַׁארְף; אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דָא אִין שְׁטָאט אִיז יֶעצְט מַמָשׁ אַ מַהְפֵּיכָה, דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִינְסְטַאנְצְן קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין חֵדֶר אוּן אִין מֵיידֶל סְקוּל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוּן מֶען פַארְמַאכְט מוֹסְדוֹת - נָאר צוּלִיבּ דִי נַארִישֶׁע פְּרוֹיעֶן אוֹיבֶּער חֲכָמִים.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין מִשְׁפָּחוֹת אִין קָאנְטְרִי נָאר וֶוער עֶס גֶעבְּט וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּן וָואס צַדִיקִים זָאגְן אָן קֵיין בִּלְבּוּלִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אוֹיבּ מְ׳אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם, אִיז מֶען מַצְלִיחַ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ו אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ דוּרְכְגֶעטְרַאכְט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי דוּ זָאלְסְט אַלֵיינְס בּוֹיעֶן דַיין דִירָה וְכוּ׳.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער אִיז מִיר גֶעטְרֵיי בְּלֵב וּבְנֶפֶשׁ. עֶר לֵייגְט אַרַיין גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען עֶפֶענֶען אַ שְׁטֶעטְל, אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר וֶועלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה וּבְשַׁלְוַות הַנֶפֶשׁ.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אִים אוּן אִים נֶעמֶען צוּ בּוֹיעֶן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל. וַוייל דִי הַצְלָחָה אִיז תָּלוּי נָאר אִין עֶנְק; אוֹיבּ וֶועט אִיר לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין, עֶס וֶועט זַיין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען וֶועט קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט זַיין אַ מָקוֹם פַּאר הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, אָבֶער אַז מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה דָארְט.

נָאכְמָאל, אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען דִיר נָאר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ פְּרוּבִּירְן דוּרְךְ צוּ קוּמֶען מִיט אִים; וִוי נִישְׁט וִוי הָאט עֶר אַרַיין גֶעלֵייגְט אַסַאךְ כּוֹחוֹת אַז דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא; דָאס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וֶוערְן אוֹיס דוּרְךְ לִימוּד גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**בָּרוּךְ ה׳ אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ו אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין חָשׁוּבֶ׳ער מְחוּתָּן ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִילָּה; מִיר הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן טְרֶעפְן אַ דִירָה פַארְ'ן חָתָן נֵרוֹ יָאִיר, אַ גֶעשְׁמַאקֶע דִירָה אוּן בָּרוּךְ ה' אַז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ דִירָה; אַ פֵיינֶע דִירָה וואוּ דִי חָתָן כַּלָּה וֶועלְן קֶענֶען אָנְהֵייבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַזַא טֵייעֶרֶע כַּלָּה תִּחְיֶ' פַאר אוּנְזֶער זוּן נֵרוֹ יָאִיר; "אִילוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם וְכוּ' אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת לְךָ", אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז.

דֶער חָתָן נֵרוֹ יָאִיר וִויל מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִין כּוֹלֵל; אִיךְ הָאף אִים צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא, אַזוֹי וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר אוּנְז אַלֶע.

בָּרוּךְ ה' אַלֶעס אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה; מִיר צֵיילְן שׁוֹין דִי טֶעג, מִיר וַוארְטְן שׁוֹין זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ שְׁטֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זֵיי אוּן בַּיי אַלֶע אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; מִיר זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט אוּן רֵיינֶערְהֵייט, אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~

**זָארְג נִישְׁט, טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער; דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אֱמוּנָה אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיךְ זַיין רוּאִיג.

טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; נֶעם דֶעם סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוּן קוּק דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין אוֹת בָּנִים, כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט (אוֹת בָּנִים, סִימָן סב): "דְּרִיכַת הַקֶּשֶׁת בְּלַ"ג בָּעוֹמֶר הִיא סְגֻלָּה לְבָנִים", שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ דָאס טוּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. קוֹיף דִיר אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּן שִׁיס מִיט דֶעם, אוֹיךְ זָאל דַיין וַוייבּ שִׁיסְן מִיט דֶעם. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער; בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן - גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע**
~~~~~~~~~~~

**קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶעבְּן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אָמֵן".**

נָאכְאַמָאל, זָארְג נִישְׁט; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לֹא תֵעִיל דַוְיָא בְּלִבְּךָ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט דַאֲגָה'נֶען וַוייל דָאס שַׁאדְט פַּאר'ן לֶעבְּן, "דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַוְיָא", אַסַאךְ שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן דַאֲגוֹת.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאג דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**בַּאנֵיי זִיךְ יֶעדְן טָאג מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַ גְרִיס פוּן דַיין טֵייעֶרֶער זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה. עֶר הָאט הַיינְט מְסַיֵים גֶעוֶוען מַסֶכֶת שַׁבָּת, אוֹיךְ הָאט עֶר דִי וָואךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי זִיבֶּעטֶע מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. דָאס אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן פוּן עֶלְטֶערְן, צוּ זֶען זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' דִי גוּטֶע גְרִיס אוֹיף דַיין זוּן, זָאל זִי שֶׁעפְּן נַחַת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אוּן בַּאנֵיי זִיךְ יֶעדְן טָאג מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. בְּרֶענְג אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אַ פְרֵיילִיכְקֵייט; טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: "בְּךָ רַבֵּינוּ נָגִילָה, בְּךָ רַבֵּינוּ וְנִשְׂמְחָה", אִיז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַלֶע צַדִיקִים זָאגְן אוּנְז אַז מֶען דַארְף זַיין אַ צַדִיק, אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז "אַ וֶועג" וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ. גֵיי נִישְׁט אַרוּם מִיט סְפֵיקוֹת וְכוּ'; אַז דֶער דַיָין הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ הֶיתֵּר צוּ וַוארְטְן וְכוּ' אִיז דָאס דֶער רָצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים כב:): "כְּשֵׁם שֶׁקִבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַדְּרִישָׁה, כָּךְ קִבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַפְּרִישָׁה"; אַז מֶען פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן לוֹיטְן פְּסַק הַלָכָה - בֵּין לְאִיסוּר וּבֵין לְהֶיתֵּר.

דֶערִיבֶּער, אַז דֶער דַיָין זָאגְט דִיר זָאלְסְט נָאךְ וַוארְטְן וְכוּ' זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין בְּשִׂמְחָה רַבָּה אוּן לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי דֶער דַיָין הָאט דִיר גֶע'פַּסְקֶ'נְט.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, פְּרוּבִיר אוֹיס דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן עֶפְן אוֹיף דַיין הַארְץ. רֶעד מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרַאסְט אִידִישׁ. בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע ש"י עוֹלָמוֹת; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן; דוּ וֶועסְט זַיין אַ מָקוֹם פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם אַז דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הַפָּצָה אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר בַּיים הֵיילִיגְן פְּלַאץ אִין מִירוֹן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (זוהַר תְּרוּמָה, קכח.): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, "וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ", אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

יֶעדֶע סֵפֶר אוּן יֶעדֶע קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהַרָא"שׁ אִיז נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נָאר אַיינְגֶעפַּאקְט מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט וֶועג צוּ קֶענֶען כַאפְּן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן אִין אַלֶע סָארְט מַצָּבִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת לִיגְט אִין דֶעם דִי זֶעלְבֶּע מֶעדֶעצִינֶען - נָאר צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס מֶען טֵיילְט לַ"ג בָּעוֹמֶר, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען עֶס גֶעבְּן בְּשִׂמְחָה אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, מִיט אַ פָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וִוי לְמָשָׁל: "דָא הָאט אִיר שֵׁיינֶע חִיזוּק, שֵׁיינֶע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן שְׁטֵייטְלֶעךְ מִיט סַבְלָנוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

אַ פְּרוּי דַארְף זֶען זִי זָאל הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן אִיר מַאן. מ'זֶעט אִין דִי גְמָרָא ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מוֹעֵד קָטָן ט:): "רַב בֵּיבָי הֲוָה לֵיהּ בְּרַתָּא, טְפַלָּהּ אֵבֶר אֵבֶר", רַב בֵּיבָי הָאט אָנְגֶעשְׁמִירְט זַיין טָאכְטֶער מִיט אַ זַאלְבּ וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דִי הָאר פוּנֶעם קֶערְפֶּער. עֶר הָאט דָאס גֶעמַאכְט צוּבִּיסְלֶעךְ, נִישְׁט אוֹיף אֵיין מָאל, ווייל וֶוען מֶען מַאכְט דָאס אִיז דָאס אַ צַער פַאר'ן מֶענְטְשׁ, "שְׁקַל בָּהּ אַרְבַּע מְאָה זוּזֵי", עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אִיר אוּן פוּן אִיר מַאן פִיר הוּנְדֶערְט זוּז פַאר'ן אִיר אַזוֹי שֵׁיין מַאכְן. "הֲוָה הַהוּא כּוּתִי בִּשְׁבָבוּתֵיהּ דַּהֲוָה לֵיהּ בְּרַתָּא, טְפַלָּהּ בְּחַד זִמְנָא, וּמֵתָה", רַב בֵּיבָי הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן אַ גוֹי וָואס הָאט אִים נָאכְגֶעמַאכְט, אוּן דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן פַאר זַיין טָאכְטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעמַאכְט שְׁטַייטְלֶעךְ, נָאר עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף אֵיינְמָאל דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער אוּן זִי אִיז דֶערְפוּן גֶעשְׁטָארְבְּן, "אֲמַר: קַטְלָא בֵּיבָי לִבְרַתִּי", הָאט זִיךְ דֶער גוֹי בַּאקְלָאגְט פַאר רַב בֵּיבָי: "דוּ הָאסְט גֶע'הַרְגְ'ט מַיין טָאכְטֶער, ווייל אִיךְ הָאבּ דִיר נָאכְגֶעמַאכְט אוּן בַּיי מִיר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט". אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז גֶעוֶוען דָא אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק. רַב בֵּיבָי הָאט דָאס גֶעמַאכְט צוּבִּיסְלֶעךְ, ווייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע ווֵייטָאג וֶוען מֶען שְׁמִירְט דֶעם זַאלְבּ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי הָאר דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דָאס טוּן צוּבִּיסְלֶעךְ, ווִידֶער דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סַבְלָנוּת, עֶר הָאט דָאס גֶעמַאכְט אוֹיף אֵיינְמָאל, אוּן פוּן גְרוֹיס ווֵייטָאג אִיז זַיין טָאכְטֶער גֶעשְׁטָארְבְּן.

מֶען זֶעט פוּן דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס ווִי ווַייט דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער וְכוּ', צְווֵייטְנְס אַז מֶען קֶען אַלֶעס פוֹעֵל'ן שְׁטַייטְלֶעךְ, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט ווִילְד אוּן שְׁנֶעל פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

אַ שָׁאד אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, וֶוען מֶענְטְשְׁן ווָאלְטְן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט סַבְלָנוּת ווָאלְט מֶען גֶעקֶענְט לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

...

~~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי סְקוּל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.
~~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט דִי סְקוּל; דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן רֵיינִיגְן, מְסַדֵר זַיין, בְּרֶענְגֶען עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', - הָאסְטוּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר. דוּ זָארְגְסְט פַאר יֶעדֶע פְּרָט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן דוּ רֵיינִיגְסְט יֶעדֶע נַאכְט דִי סְקוּל מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט אָן קַיין בַּאצָאלוּנְג.

זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ; דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה ה' זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּיף אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל. וָואס מֶען טוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן טוּט מֶען נָאר פַאר זִיךְ; אַז מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסָד וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט הֶעלְפְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס. יֶעדֶע רִיר וָואס דוּ טוּסְט פַארְ'ן מוֹסָד וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען.

בְּנוֹגֵעַ דִי זִיצְן אִין אוּמַאן; אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, פְרֶעג אִים צִי עֶס אִיז כְּדַאי צוּ בַּאשְׁטֶעלְן נָאךְ פַאר דִי יָאר דִי בֶּעסֶערֶע בַּאקְוֶועמֶערֶע בֶּענְק אוּן טִישְׁן, אַזוֹי וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי מְסַדֵר צוּ זַיין דִי מַאפֶּע צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן צוּ פַארְקוֹיפְן זִיצְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה תש"פ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, ... בֶּן ... לְהַצְלָחָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית אוּן טוּן נִצְחִיוּת'דִיגֶע פְּעוּלוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ הָאבְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט אַלֶעס קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין, מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ פְּרִיוָואטֶע שְׁאֵלָה: "הָאסְטוּ שׁוֹין הַיינְט גֶעעֶפְנְט אַ אִידִישׁ סֵפֶר?" דוּ גֵייסְט אוּן דוּ קוּמְסְט, דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִיר, פְרֶעג אִיךְ דִיר: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י?" פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר
~~~~~~~~~~~

סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, בְּרֶענְגְט דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אִיז אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן וְכוּ' פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִיר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס פַאר דַיין נִצְחִיוּת? אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְן טָאג פוּן דִי וָואךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען עֶפֶּעס מִיט וָואס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְן דִי הַיינְטִיגֶע חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י; אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (שָׁם, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי מִיט תַּרְגוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י", אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.

לָאז שׁוֹין אָפּ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דִיר; קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קֶער צוּ נֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט. הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, טְרַאכְט אַרַיין אַ מִינוּט וָואס וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיט נֶעמֶען מִיט דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט - נָאר דָאס בִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶועט דִיר אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט מֶען זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לִכְבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר; מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן דֶער זְכוּת פוּנֶעם תַּנָּא אֱלוֹקִי רַבָּן שִׁמְעוֹן זָאל מֵגִין זַיין אַז מִיר זָאלְן אַלֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**מַאךְ דַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס אִינְדֶערְהֵיים מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס; דָאס מֵיינְט רַייךְ, דָאס אִיז וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ מַאכְן דֶעם סִיוּם הַשַּׁ"ס; מַאךְ עֶס פַאר דִיר פְּרִיוַואט אִין שְׁטוּבּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוּן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דָאס צוּ מַאכְן אִין יְשִׁיבָה. פַאר דִי בָּחוּרִים מַאךְ אִיךְ אַ סִיוּם אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט.): "אָמַר אַבַּיֵי, תֵּיתֵי לִי דְּכִי חֲזֵינָא צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דְּשָׁלִים מַסֶּכְתֵּיהּ עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן", אַבַּיֵי וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס עֶנְדִיגְט אַ מַסֶּכְתָּא מַאךְ אִיךְ אַ יוֹם טוֹב אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע בָּחוּרִים"; אַרַיינְצוּגֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין אַלֶע בָּחוּרִים.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שֵׁיינֶע סִיוּם.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן צִי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין "הַפָּצָה"; יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי נָאכְ'ן שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ אַהֵיימְנֶעמֶען "גִּלְיוֹנוֹת" אוּן דָאס אוֹיסְלֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן עֶרֶב שַׁבָּת. אוֹיךְ קֶענְסְטוּ דָאס לֵייגְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי דוּרְשְׁטְרִיג פַאר אַבִּיסְל חִיזוּק, עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה צִי עֶס אִיז אַ גִּלְיוֹן פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אָדֶער פוּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן דִי זְכוּתִים וָואס דוּ הָאסְט פוּן דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְסַדֵר אוּן מַגִיָה דִי בְּרִיוְון פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק אַזוֹיפִיל גְרִיסְן פוּן בָּחוּרִים, יוּנְגֶעלַייט אוּן פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי לֶעבְּן פוּן דִי חִיזוּק פוּן דֶעם סֵפֶר.

אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִינֶעם סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַחַל", דִי שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה פוּן מוֹרִי וְרַבִּי מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; זוּךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס צוּ טוּן. דָאס אִיז עֲצַת הַיֵצֶר צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ. יֶעדֶעס מָאל אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן עֶפֶּעס טוּן אִין עֲבוֹדַת ה' קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע מְבַלְבֵּל זַיין מִיט סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים: 'אֶפְשָׁר זָאל מֶען טוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?' 'אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר?' וְכוּ' וְכוּ'. דֶערִיבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי אַרְבֶּעט צוּ מְסַדֵר זַיין דִי בְּרִיוְון זָאלְסְטוּ זוּכְן דָאס נָאר שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער מַאכְן. לֵייג אַרַיין קָאפּ, מֹחַ אוּן דַיין הַארְץ אַז דָאס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע וֶועג.

פְרֶעג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' צִי זִי וִויל דִיר הֶעלְפְן אוֹיפְטֵייפְּן, מַגִיָה זַיין, מְנַקֵד זַיין וְכוּ' וְכוּ', וֶועט דָאס זַיין אַ זְכוּת פַאר אִיר לְהִפָּקֵד בְּבָנִים וּבְנֵי בָנִים.

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~~

### קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען קַיין פַּרְנָסָה אָדֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אֵייעֶר חָשׁוּבֶ'עֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן יֶעצְט; עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט אוּן עֶר זוּכְט אַ פְרִישֶׁע פַּרְנָסָה. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.
~~~~~~~~~~~~

בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבְּן אִין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען קַיין פַּרְנָסָה אָדֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. אֵיי וָואס וֶועט זַיין בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן? וֶועט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

מִיר לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר. "פַארְוָואס?" "פַאר וֶוען?" דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער עֵסֶק, מִיר דַארְפְן אִים דִינֶען אוּן זַיין צוּ אִים גֶעטְרֵיי, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִסִים.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ שְׁטֶענְדִיג אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין.

אֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "תִּיקוּנֵי זוֹהַר".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע מְסִיבַּת "טֵיי אָוֶוענְט" פַארְ'ן כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אַנְטֵייל נֶעמֶען בַּיי דִי מְסִיבָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה וּבְרָכָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "תִּיקוּנֵי זוֹהַר"; מֶען זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם צַדִיקִים אַ וָוארְט, אַז "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אִיז אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל עֲבֵירָה עֶר זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג 5 דַפִּים תִּיקוּנֵי זוֹהַר, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט מֵפִיץ דֶעם גִלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין מָאנְסִי; נֶעם צוּזַאם אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס וואוֹינֶען אִין מָאנְסִי אוּן זֵיי זָאלְן דָאס אַרוּמְטֵיילְן אִין מָאנְסִי, אַ טֵייל זָאלְן גֵיין יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת אַרוּמְטֵיילְן דִי גִלְיוֹנוֹת וָואס זֶענֶען מְחַיֶה אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעדוּרְשְׁט פַאר אַבִּיסְל חִיזוּק.
~~~~~~~~~~~

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**מְסִיבָּה פַאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, ט״ז אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַארְ׳ן אַוֶועקְגֶעבְּן אֵייעֶר דִירָה עֶס זָאל זַיין דִי אַכְסַנְיָא שֶׁל תּוֹרָה צוּ מַאכְן דָארְט דִי מְסִיבָּה פַאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ. אוּן פַארְ׳ן צוּגְרֵייטְן דֶעם פְּלַאץ מִיט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען מִיט וָואס אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי וָואס קוּמֶען הֶעלְפְן אוּנְזֶער כּוֹלֵל.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אֵייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה, אוּן צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיין שְׁטָאלְץ מִיטְ׳ן צֶלֶם אֱלוֹקִים; נָאךְ אַ פְרֵיילִיכֶע חוֹבוֹת׳לָאזֶע חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַר, י״ז אִיָּר, עֶרֶב לַ״ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין צֶלֶם אֱלוֹקִים; זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אוּן שְׁנַיידְט דָאס נִישְׁט, אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט מֶען דִי שֶׁפַע.

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וֶוערְט דִי בָּארְד אָנְגֶערוּפְן: ״צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים״; דָאס זֶענֶען רֶערְן (פֵּייפְּס) וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ שֶׁפַע בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה. אוֹיב מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן (פֵּייפְּס) פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְף קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס הָאט אַ אִיד צוּ זָארְגְן וֶוען עֶר וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, אַז עֶר הָאט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת"; וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט לֵייגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה נִפְטָר צוּ וֶוערְן מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען הַיינְט נַאכְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי דִי סְעוּדַת לַ"ג בָּעוֹמֶר; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט לַ"ג בָּעוֹמֶר: "דִי חֲתוּנָה אִיז אִין מִירוֹן, אָבֶּער דֶער חָתָן אִיז דָא"; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אִינֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין וַוייל גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ בִּין גָאר שְׁטַארְק פַארְנוּמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פד, ח): "יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל חָיִל"; הַיינְט אַלֵיינְס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אָנְגֶעפַאנְגֶען אִינְדֶערְפְרִי דֶעם הַיינְטִיגְן בְּלַאט בַּבְלִי נָאכְדֶעם אַ שִׁיעוּר אִין יְרוּשַׁלְמִי - אַ דַף יְרוּשַׁלְמִי, דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס; אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן פֶערְצְן יָאר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵם זַיין שַׁ"ס אוּן בַּיים סִיוּם אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ. נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר דִי בָּחוּרִים אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; מִיר הָאבְּן יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, גֶעבּ אִיךְ זֵיי אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ שִׁיעוּר אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן בַּיינַאכְט וֶועט זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נָאךְ אַ שִׁיעוּר.

מָארְגְן וֶועט נִישְׁט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר וַוייל עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען זֶען אַ פְרֵיילִיכֶע חֲתוּנָה וָואס קָאסְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי מְחוּתָּנִים, עֶס אִיז מַמָשׁ בְּחִינָם. קוּם קוּקְן וִוי פְרֵיילִיךְ אַ חֲתוּנָה קוּקְט אוֹיס אִין יְשִׁיבָה; בִּשְׁעַת דִי חֲתוּנָה הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן גְרָאד, מֶען טְרַאכְט: 'וָואס פֶעלְט טַאקֶע אוֹיס דִי אַלֶע גֶעלְט פַארְשְׁוֶוענְדֶענִישְׁן פַאר עֶטְלִיכֶע קַארְגֶע שָׁעָה?' אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אִיבֶּעריגֶע גֶעלְט וָואלְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְגֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען דָאס גֶעבְּן פַארְן פָּאר-פָּאלְק צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה אָדֶער אַרַיין גֵיין אִין אַ בִּיזְנֶעס וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי גֶעלְט, מֶען קֶען קוֹים לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיז דָאךְ מַמָשׁ אַ וֵוייטָאג פַארְוָואס מֶען דַארְף בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן בְּאַחְדוּת אִין שְׁטוּב אוּן מִיט אַלֶעמֶען; דִי אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שִׂמְחָה פוּן דִי חָתָן אוּן מְחוּתָּנִים בַּיי דִי חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג אוּן מֶען קֶען פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן קֶענֶען זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין פוּן וואוּ אִימֶער מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא. רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט (בְּכוֹרוֹת לא:): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁאוֹמְרִים דְּבַר שְׁמוּעָה מִפִּיו בָּעוֹלָם הַזֶּה שִׂפְתוֹתָיו דוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר", יֶעדֶעס מָאל מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִיק, שָׁאקְלֶען זִיךְ דִי לִיפְּן פוּנֶעם צַדִיק אוּן עֶס אִיז אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן זוֹהַר - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֵייט בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן אוּן מֶען קֶען אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סב): "דְּרִיכַת הַקֶּשֶׁת בְּלַ"ג בָּעוֹמֶר הִיא סְגֻלָּה לְבָנִים", עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער אַז מֶען זָאל שִׁיסְן לַ"ג בָּעוֹמֶר מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן; מוֹהֲרַאְ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר מִיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ל) אַז אַ פָּאר-פָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַז זֵיי ווילְן זִיךְ גֶט'ן הֶיוֹת עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט נִפְקָד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַּאר זֵיי גֶט'ן זִיךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט בְּגִלוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וַויין הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֶיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ גֶט'ן וִויל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַּארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַּאר דִיר אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ צֶעשֵׁיידְן", הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ טְרַאכְטְן.
~~~~~~~~~~~

דֶער מַאן הָאט וַוייטֶער גֶעטְרִינְקֶען וַויין, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיט שִׁיכּוֹר אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. הָאט דִי פְרוֹי גֶעבֶּעטְן דִי מְשָׁרְתִים זֵיי זָאלְן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין בֶּעט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ, צוּ מָארְגְנְס וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר אִיז הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בִּשְׁעַת וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע חֵפֶץ פוּן דַיין פַארְמֶעגְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִיר, דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע זַאךְ!" זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ זִי הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ אוּן זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן פוּן דִיר זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אִיבֶּער אַ יָאר וֶועט אִיר הָאבְּן אַ קִינְד", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועןן, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְּשַאפְט אוּן שָׁלוֹם וָואס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי.

דָאס אִיז פְּשַׁט - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אִין דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז שִׂיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן לַ"ג בָּעוֹמֶר, אוּן מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז 'זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן', - דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

נֶעכְטְן בַּיי דִי סְעוּדָה הָאבְּן מִיר אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ צוּ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ; דֶער מַאן זָאל מְוַותֵּר זַיין פַאר זַיין וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ פַארְ'ן מַאן כְּדֵי אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. אַזוֹי אוֹיךְ זָאל מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן שְׁכֵנִים, אוּן זִיכֶער צְוִוישְׁן אוּנְז תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ. דָאס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אַרַיין גֶעבֶּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. עֶר הָאט גֶעזָאגְט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז 'זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן'; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶעם רֶמֶז: אַ'נ'ן' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

הַלְוַואי זָאל בַּיי אוּנְז מְקוּיָים וֶוערְן דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַאפְט וָואס וֶועט הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אוּנְז; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן

און זיך בֶּעטְן בַּיי אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זיך נִישְׁט קְרִיגְן און נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ צְוֵוייטְן. מֶען זֶעט בַּיי דִי תְּפִילוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים און אֲמוֹרָאִים פְלֶעגְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה (עַיֵּין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת טז:) אַז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִילָה וָואס דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט אִיז פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, ווי עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ, שֶׁתַּשְׁכֵּן בְּפוּרֵינוּ אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵיעוּת, וְתַרְבֶּה גְבוּלֵנוּ בְּתַלְמִידִים", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי תַּלְמִידִים און עֶס זָאל צוּקוּמֶען נָאךְ און נָאךְ תַּלְמִידִים; וַוייל אֵיינְס אִיז תָּלוּי אִינֶעם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אַז עֶס הֶערְשְׁט לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר, אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין דָא און מִיר הָאבְּן שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר און זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר און פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר, און דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן ווי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, און עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

טְרַאכְט אַרַיין, ווי לַאנְג אִיז דֶען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ? אוּנְזֶערֶע טֶעג זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן: "כְּצֵל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו)", ווי אַ שָׁאטְן וָואס גֵייט פַארְבַּיי, און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", דִי יָארְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ גֵייעֶן דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל - נִישְׁט ווי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, און נִישְׁט ווי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, נָאר - ווי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיהט; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג

נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, דִי יָארְן גֵייעֶן פַארְבַּיי זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט אוּנְז? נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פוּן אוּנְז פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן מְוַותֵּר גֶעוֶוען פַאר אַ צְוֵוייטְן. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט וועסְט אַרַיין נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דִיר, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר; עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען זֶען דִי חֲתוּנָה, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מְחוּתָּנִים אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן חָתָן כַּלָה. עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה, עֶס אִיז אַ חֲתוּנָה בְּחִנָם אַזוֹי וְוִי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט. - אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָעִים גוֹרָלֵינוּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי בְּרָכוֹת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פַאר אַ צְנִיעוּת'דִיגֶע פְרוֹי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ח אִיָיר, לַ"ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

הַיינְט אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, וְויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ נֶעמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מַבְטִיחַ פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶר הָאר.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (נָשֹא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דעם מענטש, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיה' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָה', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דִי סַמֶ"ךְ מֵ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס".
~~~~~~~~~~~

און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת און זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל וֶועסְטוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און פַאר אַלֶע צַדִיקִים; דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט צוּ פַאר אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און פִירְט זִיךְ אֵיידְל.

...

~~~~~~~~~~~

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט וֵויינֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר, י"ט אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט וֵויינֶען וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים און גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, בִּפְרָט אוֹיף דִי נֵס וָואס דוּ שְׁטֵייסְט און וַוארְטְ וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ'.

אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן, בִּפְרָט אוֹיף אַ וַוייבּ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיסִים שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע. הֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב - רֶבִּי יִצְחָק יַעֲקֹב וֵוייס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - דֶער מִנְחַת יִצְחָק. וֶוען עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ פַארְ'ן קְרִיג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעזֶען דִי מֵיידְל, און דֶער שַׁדְכָן הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעטַאנְרְט אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר. וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אַ וָואךְ פַאר דִי חֲתוּנָה אִיז עֶר גֶעפָארְן מִיט זַיין מַאמֶע צוּ דִי שְׁטָאט וואוּ דִי מֵיידְל הָאט גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזֶען דִי כַּלָה הָאט זִי גֶעזֶען אַז זִי אִיז אַ בַּעֲלַת מוּם לֹא עָלֵינוּ, הָאט זִי גֶעזָאגְט פַארְ'ן חָתָן: "מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ; דוּ גֵייסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בַּעֲלַת מוּם", הָאט דֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב גֶעזָאגְט: "מַאמֶע, מֶען קֶען נִישְׁט וֵויי טוּן אַ כַּלָה; דִי כַּלָה גְרֵייט זִיךְ חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, קֶען מֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן", הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס? דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פֶעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ פֶעלֶערְדִיגֶע מֵיידְל, אָבֶּער מֶען קֶען אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן".

בְּקִיצוּר, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר און גֶעהַאט פוּן אִיר אֵיין קִינְד; בַּיים קְרִיג אִיז דִי נֶעבֶּעךְ אוּמְגֶעקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם מִיט אַלֶע קְדוֹשִׁים און עֶר הָאט חֲתוּנָה
~~~~~~~~~~~

גֶעהַאט מִיט אַ צְוֵוייטֶע וַוייבּ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז אַוֶועק הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט אַ דְרִיטֶע מָאל. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז פוּן צְוִוישְׁן זַיינֶע דְרֵיי וַוייבֶּער הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט קִינְדֶער מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע, אוּן פוּן דֶעם קִינְד אִיז גֶעבְּלִיבְּן הוּנְדֶערְטֶער אֵיינִיקְלֶעךְ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, אוּן דִי אֵיין קִינְד הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר'ן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי כַּלָּה".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין וַוייבּ, עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין פוּן טְשֶׁעפֶּען, פוּן נִישְׁט רֶעדְן שַׁיין אוּן עֶר בְּלָאזְט נִישְׁט אוֹיף אִיר וְכוּ', אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נֵס אַז מֶען הָאט קִינְדֶער.

זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט; אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו אַפָּאר מָאל אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ כַאפְּן וָואס שְׁטֶערְט דִיר אוּן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיךְ לֵיין גוּט. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אָנְגֶעוֵוייטָאגְט; דוּ בִּיזְט בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער?! זֵיי הָאבְּן דִיר אַרַיין גֶענַארְט אַז מֶען הָאט דִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְט דַיין וַוייבּ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען?! ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן: "וָואס אִיז מִיט דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ הָאסְט, אוּן מִיט דַיינֶע סוֹדוֹת וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט?" דַיין וַוייבּ אִין אִיר ווִיסְטְן חָלוֹם וֶועט נִישְׁט ווִיסְן דַיין סוֹד וָואס דוּ שְׁלֶעפְּסְט מִיט דִיר, אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר?! דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וֵוייסְן אוֹיךְ נִישְׁט דַיינֶע סוֹדוֹת וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף זֵיי?! יֶעצְט זֶע אִיךְ וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (מִשְׁנָה נְגָעִים ב, ה): "כָּל הַנְּגָעִים אָדָם רוֹאֶה חוּץ מִנִּגְעֵי עַצְמוֹ", אַלֶע פֶעלֶערְס זֶעט מֶען חוּץ דִי אֵייגֶענֶע פֶעלֶערְס.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט גוֹרֵם גֶעוֶוען דַיין וַוייבּ זָאל וֵויינֶען; נָאכְן זַיין אַזוֹיפִיל יָארְן אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ הָאסְטוּ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרַיין גֶענוּמֶען אִין דִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ?

דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווִאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי זוּכְן נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְ'ס; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר פִירְט מֶען פוּן הִימְל כְּדֵי דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ טְרִיט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זָאלְסְט אַנֶערְקֶענֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין פֶּערְצוּפַאל, נָאר מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדְנְ'ס מַאן אוּן יֶעדְנְ'ס וַוייבּ - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אַ שָׁאד אַז דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיינְס אוּן דוּ הַאלְסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן יָארְן צוּרִיק; אַ שָׁאד אַז דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶעבְּט זָאל מֶען זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם

טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "װעלְטֶעלֶע װעלְטֶעלֶע, דוּ בִּיסְט נִישְׁט װעֶרְד אַ קְרֶעכְץ".

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ טוֹבָה פוּן דַיין בְּרִיװ. מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג פַאר דִי לַ"ג בָּעוֹמֶר סְעוּדָה הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן בַּיי דִי סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'פוּן וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן, פוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? אַלֶע וֵוייסְן שׁוֹין פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע לֶערְנֶען שׁוֹין דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן זִיכֶער הָאבְּן שׁוֹין אַלֶע דָא שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן?' אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן פוּן וָואס צוּ רֶעדְן, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען דַיין בְּרִיװ. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֵיינְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט צִי אִיךְ זֶע גוּט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט וַויי גֶעטוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ' אוּן זִי הָאט גֶעוֵויינְט וְכוּ', דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן; אוֹיף דַיין שְׁוֶוער, שְׁוִויגֶער, שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערְנְס וְכוּ' וְכוּ'. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט רֶעדְן נָאכְאַמָאל פָּשׁוּטֶ'ע דִיבּוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵויטְן אוּן פוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט אִיבֶּער בֶּעטְן דַיין וַוייבּ אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִיר דִי שִׂנְאָה צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן מִיט וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ב אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא? דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְן דֶרֶךְ הַיָשָׁר. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי גְמָרָא, דִי אוֹיגְן שְׁוִוינְדְלֶען דִיר וֶוען דוּ קוּקְסְט אִין אִיר, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער וִוי אַ תָּם, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.
~~~~~~~~~~

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן אוּן הֵייבּ יֶעצְט אָן לֶערְנֶען גְמָרָא, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוֹיף אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן; פַארְקֶערְט, נֶעם דָאס פַאר אַ חִיזוּק אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָׁה, וַוייל וֶוען אַלֶעס גֵייט גְרִינְג וְכוּ׳ אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן.

אִין דִי תְּקוּפָה וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה אִיז מוֹהֲרָא״שׁ אַמָאל גֶעוֶוען אִין קִרְיַת יוֹאֵל בַּיים צִיוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואו עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל רְדִיפוֹת וְכוּ׳, שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא״שׁ גֶע׳חָלוֹמ׳ט וִוי עֶר שְׁטֵייט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן פוּן סַאטְמֶער זִי״עַ אוּן פַארְצֵיילְט אִים פוּן זַיינֶע רְדִיפוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זִי״עַ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָאס דַארְף דִיר מְחַזֵק זַיין, אַז דוּ זֶעסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי קְדוּשָׁה. וֶוען עֶס וָואלְט דִיר אַלֶעס גֶעגַאנְגֶען גְרִינְגֶערְהֵייט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָׁה"; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען. פַארְשְׁטֵיי פוּן דֶעם רְמָזִים וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### שִׁיק מִיר דִי פְּרִישֶׁע חֲלָקִים פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל"

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ב אִיָיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר, גְלַייךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ פְּרִישֶׁע חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַחַל" זָאלְסְטוּ מִיר דָאס גְלַייךְ שִׁיקְן קַיין אַמֶערִיקֶע; אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן בְּלִי נֶדֶר פַאר יֶעדֶע חֵלֶק וָואס דוּ שִׁיקְסְט מִיר.

שִׁיק מִיר דִי חֶשְׁבּוֹן אוֹיבּ אִיךְ קוּם דִיר נָאךְ גֶעלְט אוּן שִׁיק מִיר שׁוֹין נָאךְ חֲלָקִים, וַוייל דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אוּן לֶעבְּן, דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶועקְט מִיר אוֹיף פוּן שְׁלָאף יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**גֵיי הַפָּצָה מִיט סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידִי״ס אוּן קַארְטְלֶעךְ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ב אִיָר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט לַ״ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן אוֹיפְ׳ן בַּארְג אַ גְרוֹיסֶע סְקְרִין פוּן דִי ״חִיזוּק יוֹמִי״, וַהֲוָה מַה דַהֲוָה אַז מֶען הָאט דָאס צֶעבְּרָאכְן. יֶעצְט ווילְסְטוּ וִויסְן צִי דוּ זָאלְסְט דָאס אוֹיפְשְׁטֶעלְן נָאכְאַמָאל בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְצַייט וואוּ עֶס קוּמֶען אַסַאךְ אִידְן. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס צוּ מַאכְן, מִכַּמָּה סִיבּוֹת וָואס אִיךְ וֶועל דִיר מַסְבִּיר זַיין פָּנִים בְּפָנִים.

גֵיי הַפָּצָה מִיט סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידִי״ס אוּן קַארְטְלֶעךְ; אַדְרַבָּה, גֵיי בַּיי אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים בַּיים טָאג פוּן דִי יָארְצַייט אוּן פַארְפְּלֵייץ אָן אַ שִׁיעוּר. נֶעם מִיט נָאךְ חֲבֵרִים, צוּזַאמֶען וֶועט עֶס גֵיין גְרִינְגֶער.

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט חַתוּנָה הָאבְּן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הַפָּצָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): ״תִּקוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִשְׁתַּדֵל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס וִויל מְתַקֵן זַיין וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶער זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארֶערְכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - וִוי צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס גוּטְס וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּנֶעם רֶבִּי׳ן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ב אִיָר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דו זָאלְסְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט זָאגְן: "דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט אוּן מַאכְט מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מא, ל): 'וְנִשְׁכַּח כָּל הַשָּׂבָע'"; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז: "וְנִשְׁכַּח כָּל הַשָּׂבָע", עֶר פְּלֶעגְט דָאס זָאגְן מִיט אַ נִיגוּן: "וְנִשְׁכַּח, מִיר פַארְגֶעסְן דָאס גוּטְס פוּן צַדִיק".

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אִין רֶבִּי'ן אוּן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען וִוי וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן, ווייל דֶער יֵצֶר הָרַע קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן פְּרִישׁ אוּן גֶעטְרֵיי, נָאר אַז מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַלֶע גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן"; דָאס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי וֶועלְט; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, אוּן דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אַרִיבֶּער כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר אָפְּגֶעמַאכְט "זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, יַעֲבוֹר עָלַי מַה, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי פַאר מוֹהַרְאַ"שׁ אוּן וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט אַלֶעמֶען אוּן הָאט עֵצוֹת פַאר אַלֶעמֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד כַאפְּן אַ הֶערְשׁ, אִינְמִיטְן הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶס אוּן אָט אָט גֵייט גֵיין אָנְפַאלְן אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קֶענִיג הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען קְוֶוענְקְלֶען צִי מֶען זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין צִי נִישְׁט, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין".

הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס פוּן אַ יוּנְגֶע בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר; גְלֵייבּ מִיר דֶער בָּחוּר הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר קוּמְט פוּן אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה אוּן

פְּלוּצְלִינְג אִינְמִיטְן זַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן אִיז אִים טוּנְקְל גֶעוָוארְן, דֶער טַאטֶע הָאט נֶעבֶּעךְ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אִים אָפְּגֶעקִילְט וְכוּ' בִּיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז צֶעפַאלְן, מִיט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין גַאנְץ שַׁ"ס.

זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן הַיינְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אַלֶע לַאכְן פוּן זָאגְן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען; אָבֶּער לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. נָאךְ אַבִּיסְל וֶוען עֶס וֶועט קוּמְט דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן אוּן אוּנְז אַהֵיים רוּפְן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ רַבָּה פְּקוּדֵי נב, ג) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" - 'בְּיוֹם הָאַחֲרוֹן' בַּיים לֶעצְטְן טָאג, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֶען צִי דוּ קֶענְסְט לַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער: דַאוֶוענְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת נָאר גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַ שִׂמְחָה אוֹיבְן אִין הִימְל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "בְּשָׁעָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא מָצָא בָּהּ עֲשָׂרָה - מִיָּד הוּא כּוֹעֵס, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ, ב): 'מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין אִישׁ, קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה'", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אִין זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מִנְיָן וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּכַעַס; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס פַארְקֶערְטֶע אוֹיךְ, אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זֶעט וִוי מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ.

וֶוען מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילּוֹת - נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי אַזוֹי מֶען דַאוְונְט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", "אֵימָתַי עֵת רָצוֹן" וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? "בְּשָׁעָה
~~~~~~~~~~~

שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין", וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוְונְט; בֶּעט אִיךְ דִיר: גֵיי יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף פַּת שַׁחְרִית; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ עֶסְן פַּת שַׁחְרִית גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן יז): "סְגֻלָּה לְכַעַס - שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", פַּת שַׁחְרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת לִימוּד, סִימָן מח): "עַל-יְדֵי פַּת שַׁחֲרִית תַּלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד", פַּת שַׁחְרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט'ן פָּארְלֶערְנֶען פַּאר תַּלְמִידִים; זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוּן ווייטֶער מַקְפִּיד זַיין זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי תֵּיכֶף נָאךְ שַׁחְרִית אוּן זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ עֲשִׁירוּת.

עֶס זֶעט דִיר אוֹיס ווִי פָּשׁוּט'עֶ זַאכְן אָבֶּער דָאס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט; אַז דוּ וֶועסְט דָאס פָּאלְגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מָארְגְן וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה ה' אַ פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין ווייב זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן.

אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן מְזוּמָן צוּ שִׁיקְן קַיין אוּמַאן; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, פַּארְבִּינְד זִיךְ מִיט הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ טְשֶׁעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**שְׁטֵיי ווייט פוּן מָאוִויס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר דִיר, עֶס וֶועט דִיר קַאלְיֶע מַאכְן דַיין לֶעבְּן סַיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת. אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה, מָאוִויס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ; גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה.

פַּארְבְּרֶענְג מִיט דַיין ווייבּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וואוֹילֶע ווייבּ, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּבּ פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן דִיר נִישְׁט אוּן מֵיינֶען נִישְׁט דַיין גוּטְס? עֶנְדֶערְשׁ רֶעד מִיט דַיין ווייבּ אוּן הֶעלְף אִיר מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.
~~~~~~~~~~~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיר פָאלְגְן אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן וְכוּ' אוּן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוְויס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**נִישְׁט קוּקְן מָאוְויס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גוּטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ג אִיָיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד תַּלְמִידִי הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: קוּק נִישְׁט קֵיין מָאוְויס; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר, עֶס וֶועט דִיר קַאלְיֶע מַאכְן דַיין לֶעבְּן סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה, מָאוְויס הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ; גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ מֵיין נָאר דַיין טוֹבָה.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן קֵיין מָאוְוי"ס וֶועט דִיר זַיין שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער דַיין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים לוֹיט ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וַוייל (מַכּוֹת י:): "בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין - אוֹיף דֶעם וֶועג פִירְט מֶען אִים. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל, אַ מֵיידְל מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן וָואס קוּקְט נִישְׁט קֵיין מָאוְויס.

לֵיידֶער לֵיידֶער קוּמֶען צוּ מִיר יוּנְגֶעלַייט וֵויינֶען אַז זֵייעֶר וַוייבּ אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאוּן נָאךְ פוּן אַלְץ מֵיידְל, שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ טֶעלֶעפָאוּנְס וָואס אִיז אָפְן צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוְויס וְכַדוֹמֶה, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ עֶרְלִיכֶע וואוֹילֶע מֵיידְל.

הַלְוַאי וֶועסְטוּ מִיר פָאלְגְן אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן וְכוּ' אוּן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוְויס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען טוּישְׁן דִי בְּרִיאָה.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס פוּן דַיין טָאכְטֶער זָאל זַיין גֶעזוּנְט אַז זִי אִיז נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן זִי לִיגְט בְּלִי הַכָּרָה הַשֵּׁם יְרַחֵם, וְויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר וַוארְט אוֹיף תְּפִילוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען טוּישְׁן דִי בְּרִיאָה; אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז עֶס אִיז דֶערְנָאךְ קֶען מֶען דָאס נָאךְ טוּישְׁן מִיט תְּפִילָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶבַע", תְּפִילָה אִיז מְשַׁנֶה דִי טֶבַע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן עֶר קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וְוי עֶס אִיז נָאךְ דָא אַן הָאפֶענוּנְג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת צַדִיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַדִיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ'", אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט מַזְכִּיר גֶעוֶוען זָאלְסְטוּ מִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר מַיין טָאכְטֶער; הֶעלְף מִיר טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן נָאר צוּ דִיר**", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**לָאז שׁוֹין אָפּ אַלֶע דַיינֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ד אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז דִיר נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, בִּפְרָט פוּן דַיין שְׁלֶעכְטֶע ... - דֶער ס"מ וָואס רֶעדְט אַרַיין אִין דִיר כָּל דָבָר אָסוּר, כְּאִילוּ אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב; אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, פּוּנְקְט ווִי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. לָאז שׁוֹין אָפּ דַיינֶע סְפֵיקוֹת וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים קוּמֶען פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע. 'עֲמָלֵק' בַּאטְרֶעפְט 'סָפֵק'; עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אִין אַ מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

פַארְצֵייל נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם דַיין עָבַר אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּן מֶענְטְשְׁן; מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיין עָבַר.

זֶע צוּ בְּלַייבְּן הַיינְט אִין שְׁטוּב אַז דַיין ווַייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן גֶעדֶערִינְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל תְּהִילִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ זָאגְסְט תְּהִילִים אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל תְּהִילִים, הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ אַ גְרִיס פַאר דַיין טַאטֶע.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**פְּרוֹיעֶן פַּארְטִי אִין קִרְיַת יוֹאֵל.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... וְזוּגָתוֹ ... שֶׁיִּחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַאר׳ן אַהֶער שְׁטֶעלְן דִי פְּרוֹיעֶן פַּארְטִי אִין קִרְיַת יוֹאֵל פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶה וּמְפַרְסֵם דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; אַ זְכוּת וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע פְּרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אַז דִי פַּארְטִי זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן אַלְץ אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב בַּיים רֶבִּי׳ן?**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ה אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַלֶע סְפֵיקוֹת וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ זֶענֶען מְנִיעוֹת אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן; דֶער יֵצֶר הָרַע טוּט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן מִיט דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן טוּט עֶר אַלֶעס זֵיי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי׳ן.

קוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר׳ לִיפָּא וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אָנְהֵייבּ אַ מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוּן זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי׳ן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קוּמֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שטו): ״תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ״, עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר וִוי אַזוֹי זָאל אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלָאזְן אַזַא בַּאלִיבְּטֶע חַבוּרָה וִוי מִיר הָאבְּן; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוער דֶערְמַאנְט מִיר וֶוען עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר עֶנְג אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט? וֶוער וֶועקְט מִיר אוֹיף יֶעדְן טָאג אִיךְ זָאל נֶעמֶען

דֶעם דַף גְמָרָא? וֶוער עֶפְּנְט מִיר מַיין מוֹיל אִיךְ זָאל זָאגְן אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דֶער רֶבִּי; דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען יוּנְג, דֶעמָאלְט וֶוען דוּ הָאסְט נָאךְ גֶעפְלַאקֶערְט אוּן גֶעבְּרֶענְט צוּם רֶבִּי'ן הָאט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן רֶבִּי'ן; וִוי מֶער מֶען הָאט דִיר גֶעשְׁטֶערְט אוּן אוּנְטֶערְגֶעלֵייגְט פִּיסְלֶעךְ הָאט דִיר דָאס גֶעבְּרֶענְגְט מֶער חֵשֶׁק אוּן בְּרֶען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי רִיכְטִיגֶע מְנִיעָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מו): "וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת - הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ", דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, "דְהַיְנוּ מַה שֶּׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹ מֵהַצַּדִּיק", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אוֹיפְן צַדִיק, "זֹאת הַמְּנִיעָה מוֹנֵעַ אוֹתוֹ יוֹתֵר מִכָּל הַמְּנִיעוֹת", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צוּרִיק הַאלְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן, מֶען וִויל פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן מֶען זוּכְט אַ תִּיקוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְוָוארְפְן וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט דַאן וֶועט אִים גָארְנִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס, עֶר פַארְלִירְט זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: "וָואס דַארְף אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ'?" דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְנִיעָה. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'וָואס דַארְף מֶען בְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ'?' עֶס שְׁטֶערְט אִים שׁוֹין נִישְׁט פְּגָמֵי הַבְּרִית, עֶס שְׁטֶערְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען הַשֵּׁם יְרַחֵם אוּן עֶס טוּט אִים מֶער נִישְׁט וֵויי וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס - דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע מְנִיעָה.

דֶער רֶבִּי לָאזְט קֵיינֶעם נִישְׁט הֶענְגֶען אוּן גֶעבְּט אַן עֵצָה פַאר דִי מְנִיעָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב", דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אַמָאל פְלֶעגְט מִיר וֵויי טוּן מַיינֶע מַעֲשִׂים, אַמָאל הָאט מִיר גֶעבַּאדֶערְט וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן חַיוּת פוּן קוּמֶען אִין רֶבִּינְ'ס שׁוּל, אִיךְ פְלֶעג וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, אִיךְ פְלֶעג לֶעבְּן מִיט דֶעם, וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? הַיינְט אִיז מִיר אַלֶעס אוֹיסְגֶעלָאשְׁן; אִיךְ בִּין טוֹיט, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט דִי חַיוּת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ קוּק אוֹיף דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים וִוי עֶפֶּעס פֶעלְט זֵיי, עֶס שְׁטֶעכְט מִיר צוּ הֶערְן רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה", דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז "קְ'שְׁ'יָ'א" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: שְׁ'מַע יְ'יָ קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא, "שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה', כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה", מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

בְּרוּדֶער, אַמָאל וֶוען הָאט מֶען דִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים אוּן גֶעקוּמֶען הֶערְן דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים, עֵצוֹת וְחִיזוּק צוּ קֶענֶען לֶעבְּן, ווידֶערְאוּם הַיינְט וֶוען קֵיינֶער שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט קוּמְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט, אַלֶעס אִיז דִיר פְּלוּצְלִינְג גוּט גֶעוָוארְן; זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז נָאךְ שְׁוֶוערֶער פַאר דִיר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר; אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְּן דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... וְזוּגָתוֹ ... שֶׁיִּחְיוּ.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַארְ'ן אַהֶער שְׁטֶעלְן דִי פְרוֹיעֶן פַּארְטִי אִין קִרְיַת יוֹאֵל פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט צוּ הֶעלְפְּן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּפְרַט דִי מוֹסְדוֹת וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; אַ זְכוּת וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

גֶעבְּט אִיבֶּער אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן אַז דִי פַּארְטִי זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~

**מִיט דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג מַאכְסְטוּ אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן ... תְּחִי', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ אִין סְקוּל. נֶעכְטְן הָאט מִיר דִי מְנַהֶלֶת מָרַת ... תְּחְיֶ' דֶערְצֵיילְט פוּן דִיר הֶערְלִיכֶע זַאכְן; אַז דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין מִידוֹת אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, וִוי אוֹיךְ אַז דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְן דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

מִיט דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג מַאכְסְטוּ אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי רֶבִּי אוּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס דִי סְקוּל אִיז אוֹיף זֵייעֶר נָאמֶען.

אִיךְ טְרַאכְט פוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דִיר, אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם.

...

~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁלוֹם בַּיִת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָיר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב; אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, - בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁלוֹם בַּיִת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אוֹיף דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ אַזוֹיפִיל וִויפִיל בֶּענְדֶער לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן"; וֶוען אַ פְרוֹי שְׁפִּירְט וִוי אִיר מַאן פַארְשְׁטֵייט אִיר צַעַר אוּן וֵוייטָאג - דָאס אַלֵיינְס בַּארוּאִיגְט אִיר.

זַיי פְרֵיילִיךְ דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת; טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג פוּן שִׂמְחָה אַ גַאנְץ שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): ""צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וּלְבִלְתִּי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין דִי גַאנְצֶע צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דֶער ס"מ וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל זַיין
~~~~~~~~~~

מַחֲלוֹקֶת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען צֶעאַמְפֶּערְט זִיךְ צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אַזוֹי אַרוּם גֵייט מֶען אַרַיין אִינֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צֶעקְרִיגְטֶערְהֵייט.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא מִיט בִּילְדֶער פוּן אוּמַאן; גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ בִּנְיָן אָן קֵיין עֲשִׁירִים אוּן אָן קֵיין נְגִידִים, אָן גָארְנִישְׁט - נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אוֹיסְהֶערְן דִי נֶעכְטִיגֶע שִׁיעוּר וִוי דוּ וֶועסְט הֶערְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ "אֲשֶׁר בַּנַחַל" שָׂם גּוֹרָלֵינוּ - אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן, וואוּ וָואלְטְן מִיר גֶעוֶועזְן אוּן וִוי אַזוֹי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן; אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס אוּן מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אִיךְ שִׁיק דִיר אוֹיךְ אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת בְּרֶענְגְט אַלְס גוּטְס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי פְּרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם דִי וָואךְ. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ צִי קֶען אִיךְ אַרִיבֶּער בְּרֶענְגֶען אַ קֶעמֶערֶע אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אוּן מֶען וֶועט דָאס אוֹיפְשְׁפִּילְן פַאר דִי פְּרוּיעֶן, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "אַדְרַבָּה, קוּם אַרִיבֶּער אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר וְכוּ'", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר: "אָבֶער אִיךְ וֶועל רֶעדְן אָפֶענֶע דִיבּוּרִים", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ וֶועל רֶעדְן אָפֶענֶע דִיבּוּרִים"; וַוייל אִין אַלֶע פֶּעלֶער וִוי יוּנְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעך גֶעט'ן זִיךְ זֶענֶען שׁוּלְדִיג דִי חָתָן טִיטְשֶׁערְס אוּן כַּלָּה טִיטְשֶׁערְס, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלָּה'ס פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע גֶעט'ן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט.
~~~~~~~~~~~

לְמַעֲשֶׂה אִיז מוֹהַרַא״שׁ אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל יֶענֶע וָואךְ אוּן אִיז אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר אֵיידֶער עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל. טוּ אִיךְ יֶעצְט וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף אַ שִׁיעוּר פַּאר דִי פְּרוֹיעֶן וואוּ מֶען הֶערְט דִי דִיבּוּרִים פוּן מוֹהֲרַא״שׁ.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: ״מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ״, וֶוען אָדָל דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז זִי גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז אוֹיף רֶבִּי נָתָן, הֲיִתָּכֵן עֶר רֶעדְט אַזוֹי: ״מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ״; הָאט אִיר רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״יָא, מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ, אָבֶּער נָאר בִּזְכוּת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן״, אוּן מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: ״מַיין טִישׁ אִיז שֶׁענֶער פוּן רֶבִּי נָתָנְ׳ס טִישׁ אוּן פוּן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ, אָבֶּער אַלֶעס בִּזְכוּת פוּן רֶבִּי׳ן״, וד״ל.

מַאכְט׳ס אַ גוּטֶע קוּגְל לְכָבוֹד דֶעם שַׁבָּת מְבָרְכִים חֲזַק חֲזַק; אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ סֵפֶר וַיִּקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, זָאלְט אִיר אִים מַאכְן אַ קוּגְל לְכָבוֹד דִי סִיּוּם.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ וַואשְׁן צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ו אִיָּר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וַוארְט וְכוּ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִיךְ וַואשְׁן מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט דַיין וַוייבּ; מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט נָאךְ אַ סְגוּלָה פוּן צַדִּיקִים פַאר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, מֶען זָאל הָאבְּן גְרִינְגֶערְהֵייט דִי קִינְדֶער, אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן עֶסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז זִי קֶען עֶסְן דִי עֶסְן וָואס זִי ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק עֶסְן.

א גוּט שַׁבָּת.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~~

**דִי וַוייבּ מֵיינְט עֶר פַארְשְׁטֵייט דָאס לֶערְנֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָּיר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט; וֶוען דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי פַּארְנוּמֶען אִיךְ בִּין... אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן מִיט מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶסְן וְכוּ' וְכוּ', - וָואלְסְטוּ מִיר זִיכֶער דַן גֶעוֶועזְן לְכַף זְכוּת.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן ווִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּן דוּ גֵייסְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנַיוֹת עֶטְלִיכֶע מָאל - ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

בְּנוֹגֵעַ אַז דָאס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ', זִי מֵיינְט אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אוּן זִי וֵוייסְט נִישְׁט אַז דוּ זָאגְסְט וְכוּ' אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ טְרָאגְסְט אַ סוֹד וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַאר אַ פְרוֹי אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע נַפְקָא מִינָהּ צִי מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין אָדֶער מֶען לֶערְנְט מִיט פַארְשְׁטֵיין, אַ פְרוֹי הָאט לִיבּ צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ דָאךְ מְמֵילָא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; אַז מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין עַיֵּין שָׁם.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...
~~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**מִנְהָגִים בַּיי שַׁבָּת לִיכְט.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ו אִיָר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז אִיז צוּ צִינְדְן צְוֵויי אוֹיל לִיכְט כְּנֶגֶד זָכוֹר אוּן שָׁמוֹר, נָאךְ פִיר לִיכְט קֶעגְן דֶעם שֵׁם הוי״ה אוּן בַּיי יֶעדֶע קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לֵייגְט מֶען צִי נָאךְ אַ לִיכְט.

וֶוען מֶען וֵויילְט שַׁבָּת אִין דֶער פְרֶעמְד צִינְדְט מֶען צְוֵויי לִיכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זַיינֶע טֶעכְטֶער אוּן שְׁנִירְן, אַז וֶוען זֵיי צִינְדְן אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְן זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי ווִי אִיךְ צִינְד אָן דִי לִיכְט אוּן אִיךְ מַאךְ לִיכְטִיג דִי שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס זָאל וֶוערְן פַאר יֶעדְן לִיכְטִיג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.**

א גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דִי נִסָיוֹן פוּן כַּעַס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ו אִיָר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן בֵּיידֶע בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ זוּכְן אַ נֵייעֶ אַרְבֶּעט וְכוּ׳; אִיךְ הַאלְט אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן בַּיי דִי פְּלַאץ וואוּ דוּ אַרְבֶּעסְט יֶעצְט. אֲפִילוּ זֵיי צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק וְכוּ׳ אוּן עֶס וֶועט דִיר נֶעמֶען מֶער צַייט צוּ פָארְן אוּן קוּמֶען וְכוּ׳ דַארְפְסְט אוֹיךְ קוּקְן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, ווִי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט וְכוּ׳. אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חָסִיד הָאט שְׁטֶענְדִיג וָואס צוּ טוּן אוּן מֶען קֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשָׁעַת׳ן פָארְן, מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְטֶערְוֶועגְנְס.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם אוֹיף 'מַסֶכֶת יְבָמוֹת'; יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים מַאכְסְטוּ מִיר פְרֵיילִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אִין שְׁטוּבּ אוּן אִין אַרְבֶּעט וְכוּ' אוּן נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף 'פַּת שַׁחְרִית'. יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, פַאר דוּ גֵייסְט אַרְבֶּעטְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ וַואשְׁן אוֹיף פְרִישְׁטָאג. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ עֶסְן פַּת שַׁחְרִית גְלַייךְ נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן כַּעַס. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן יז): "סְגֻלָּה לְכַעַס - שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית", פַּת שַׁחְרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת לִימוּד, סִימָן מח): "עַל-יְדֵי פַּת שַׁחֲרִית תַּלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד", פַּת שַׁחְרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה מִיטְ'ן פָארְלֶערְנֶען פַאר תַּלְמִידִים.

נָאךְ אַ עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר, לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן סח) וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שַׁיין מַסְבִּיר וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף. אַז דוּרְךְ כַּעַס פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט, וַוייל כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ; יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רַייךְ וֶוערְן אוּן בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַמְשִׁיךְ אַז כַּעַס אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף; לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה, זָאלְסְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט גְלִיסְטְן זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע רְפוּאוֹת, עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת לִיגְן אִינֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת - אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קֻשְׁיוֹת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען

דִי תּוֹרָה פוּן כַּעַס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח) אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען דֶערְבֵּיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת.

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~~

**פַארְשְׁפְּרֵייטְן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"ו אִיָיר, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבּ, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי הַפָּצָה. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה, דַּף קכח): "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, "גָּרִים לְאִכַּפְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא", עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט, "וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ", עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליִגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. "כָּל מָארֵי דִּינִין לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע
~~~~~~~~~~~

וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְּרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי מֵפִיצִים אַז פַאר דִי פַארְלוֹירֶענֶע אִידְן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן שְׁמִירַת הַמִּצְווֹת, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת - דַארְף מֶען גֶעבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְן זִיךְ פוּן אֱמוּנָה, אָבֶּער פַאר פְרוּמֶע אִידְן הָאט מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעהֵייסְן בְּעִיקָר גֶעבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה וְכוּ'; הַיינְט אִיז לֵיידֶער דֶער דוֹר שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז פַאר פְרוּמֶע אִידְן דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעבְּן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם בְּתוֹכֵינוּ יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִצְּלַן, דַארְף מֶען בְּעִיקָר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶענְטְשְׁן דַארְפְן הַיינְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~